YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv09i09

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 9 Issue 9
March 1927

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 9, Iss. 9)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/449

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
און מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

גערעכטיגקייט

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. IX. No. 9. | New York, Friday, March 4, 1297 | פרייטאג, 4טער מארטש, 1927 | PRICE 3 CENTS

די וויסט און דרעס סיטואַציע אין פילאַדעלפיע געסעטעלט אויף אַ פרידליכען אופן

וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס פון די גרעסטע שעפער שליסען קאלעקטיוו אגרימענט מיט דער יוניאן. — די מיטגלידער פון דער יוניאן נעמען אויף דעם סעטעלמענט מיט ענטוזיאזם.

א גענעראל סטרייק אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע פון פילאדעלפיא איז פארמידען געוואָרען. ענדליך, דורך דער אנשטריינגונג פון דזשארדזש עליאט, דירעקטאר און פאבליק סייפעטי פון פילאדעלפיא, זיינען ביידע צדדים זיך צונויפגעקומען און א פרידליכער סעטעלמענט איז געמאכט געוואָרען.

50 פון די גרעסטע וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס אין פילאדעלפיא האבען זיך לעצטענס ארגאניזירט אין אן אסאסיאיישאן און איצטער איז געשאפען געוואָרען א קאלעקטיוו אגרימענט צווישען דער אסס'ן פון די וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס און דער דרעס- און וויסטמאכער יוניאן, לאקאל 50. דער אגרימענט איז אויסגעארבייט געוואָרען פון ל. ב. שעפילד, לאיער פון דער יוניאן און הערי שאפירא, דער לאיער פאר דער אסאסיאיישאן.

דורך דעם אגרימענט ווערט איינגעשטעלט א מאשינערע אויף אויסצוגלייכען סכסוכים אין די שעפער, מיט אן אומפארטייאישען טשערמאן. אלס אומפארטייאישער טשערמאן איז פארגעשלאגען געוואָרען דזשאדזש האריס סטורין, און עס ווערט ערווארטעט ער זאל עס אננעהמען.

דורך דעם אגרימענט ווערען איינגעשטעלט אין דעם וויסט און דרעס טרייד פון פילאדעלפיא אייניגע יוניאן סטאנדארדס, וואס פילאדעלפיא האט פריהער ניט געהאט.

עס ווערט איינגעשטעלט א 44 שטונדיגע ארבייטס וואך. ביז יעצט האט מען אין די שעפער געארבייט 48 און 50 שטונדען א וואך. די ארבייטער באקומען 5 געזעצליכע יום טובים א יאהר. „טיים און א העף" פאר אָווערטיים ארבייט. עס ווערט געשאפען א מינימום סקייל פאר וואך ארבייטער. עס ווערען איינגעשטעלט פרייז קאמיטעס צו סעטלען פרייזען פאר די שטיק ארבייטער. עס ווערט איינגעשטעלט גלייכע פארטיילונג פון ארבייט אין סלעק צייט און עס ווערט איינגעשטעלט א דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל. דער אגרימענט שרייבט אויך פאר, דאס קיין ארבייטער זאל ניט דיסקרימינירט ווערען פאר יוניאן אקטיוויטעט און נאך אייניגע אנדערע פונקטען. דער אגרימענט ווערט געמאכט פאר איין יאהר צייט.

אויף מאנטאג אווענט האבען די דרעסמאכער גרופען א מאסען-פארזאמלונג אין לייבאר אינסטיטוט. אין דער צייט ווען די פארזאמלונג איז איינגערופען געווארען, האט עס אויסגעזעהן, אז מען וועט ניט קענען קומען מיט די באלעבאטים צו א פרידליכען סעטעלמענט און אויף דער פארזאמלונג האט געזאלט באשלאסען ווערען, ווען עס זאל זיך אנהויבען דער גענעראל סטרייק.

מאנטאג אבער, זיינען ביידע צדדים געקומען צו א סעטעלמענט, און ווען וויס פרעז. רייזבערג האט אויף דער גרופען פארזאמלונג אנאנסירט, אז א סעטעלמענט איז דערגרייכט געווארען און האט באקאנט געמאכט די אלע פונקטען פון דעם אגרימענט, איז עס באגריסט געווארען מיט ענטוזיאזם. די ארבייטער האבען גוטגעהייסען דעם סעטלמענט מיט אפלאדיסמענטען.

ברודער רייזבערג, דער מענעדזשער פון דער יוניאן, האט ערקלערט, דאס איצטער וועט די יוניאן זיך נעהמען איינשטעלען דעם זעלבען אגרימענט אין די שעפער פון די דרעס און וויסט מאנופעקטשורערס וואס באלאנגען ניט צו דער אסס'ן פון די באלעבאטים אין טרייד. די יוניאן וועט איצט אויפפאסען דאס די ארבייטער פון די אינדעפענדענט שעפער זאלען האבען די זעלבע ארבייטס-באדינגונגען, ווי די ארבייטער פון די אסס'ן שעפער. די יוניאן וועט ניט רוהען ביז די אינדוסטריע וועט זיין 100 פראצענט ארגאניזירט.

א גרויסער נאמינײשאן מיטינג פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22

וויס-פרעזידענט דזשולייוס האכמאן האלט א שעהנע באגייסטערענדע רעדע. א גרויסע צאל מיטגלידער ווערען נאמינירט פאר די אמטען אין דער דרעסמאכער יוניאן.

די דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22, פון אונזער אינטערנעשאנאל, האט פאראכטאגען דאנערשטאג אפגעהאלטען א גרויסע און שעהנע נאמינײשאנס פארזאמלונג אין אדיטאריום פון די רענד סקול, אויף דער 15טער גאס. דער גרויסער זאל איז געווען איבערפילט מיט מיטגלידער, וועלכע זיינען געקומען זיך באטייליגען אין די נאמינײשאנס.

קורצע רעדעס זיינען געהאלטען געווארען פון אייניגע מיטגלידער פון לאקאל און די רעדעס זיינען אויפגענומען געווארען מיט א סך אפלאדיסמענטען.

די הויפט רעדע האט געהאלטען וויס פרעזידענט דזשולייוס האכמאן, דער גענעראל מענעדזשער פון דעם דרעס דעפארטמענט פון דזשאינט באארד. ער האט געשילדערט די לאגע אין דער יוניאן, ווי עס איז פריהער געווען, ווען דער לאקאל איז אין גאנצען באהערשט געווארען פון דער קאמוניסטישער פארטיי, און ווי עס איז איצט, זינט די אינטערנעשאנאל האט איבערגענומען דעם לאקאל, און די דרעסמאכער יוניאן איז געווארען א לאקאל פון די ארבייטער, דורך די ארבייטער און פאר די ארבייטער. זיינע שילדערונגען האבען ארויסגערופען פיל אפלאדיסמענטען און ענטוזיאזם ביי דעם גרויסען עולם אין זאל און ער איז פיל מאל אונטערגעבראכען געווארען פון א שטורמישען אפלאוז.

די פארזאמלונג איז דאן איבערגעגאנגען צו די נאמינאציעס און א גרויסע צאהל מיטגלידער זיינען נאמינירט געווארען פאר די פארשידענע אמטען פון דעם לאקאל. גלייכצייטיג איז ערוועהלט געווארען אן „עלעקשאן און אבדזשעקשאן" קאמיטע, וואס האט די אויפזיכט איבער די וואהלען אין דעם לאקאל. צוזאמען מיט א קאמיטע פון דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל.

אין דער צייט ווען די שורות ווערען געשריבען, איז נאך ניט באשטימט געווארען דער טאג, ווען די „עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע" וועט האבען א זיצונג. דאס וועט זיכער זיין די קומענדע וואך. דער טאג וועט אנאנסירט ווערען אין דער טעגליכער פרעסע. ווען דער טאג וועט אנאנסירט ווערען, וועלען אלע נאמינירטע קאנדידאטען דארפען ערשיינען פאר דער קאמיטע און אויף די פראגען וואס וועלען זיי געשטעלט ווערען, וועלען זיי מוזען ענטפערען. די פערזאנען, וואס זיינען נאמינירט און וועלען ניט ערשיינען פאר דער קאמיטע, וועלען נים ארויפגעשטעלט ווערען אויפ'ן באלאט.

קלאוק עקזאמינערס לאקאל 82

מאנטאג, דעם 7טען מארטש, וועלען פארקומען עלעקשאנס אין לאקאל 82 פאר באאמטע פאר דעם יאהר 1927.

אלע עקזאמינערס זיינען אויפגעפאדערט זיך צו באטייליגען אין די וואהלען, און ערוועהלען די בעסטע און פעהיגסטע מענשען צו פארטרעטען אייערע אינטערעסען פאר'ן קומענדען טערמין. די וואהלען וועלען געהאלטען ווערען אין לאקאל אפיס, 231 איסט 14טע סטריט, אויפ'ן 3טען פלאר, פון 5 אזייגער פארנאכט ביז 10 אזייגער אין אווענד.

ברייננט מיט אייערע יוניאן ביכלאך. ווייל די מעמבערס וועלכע וועלען ניט האבען זייערע יוניאן ביכלאך וועלען זיך ניט קענען באטייליגען אין די וואהלען.

מיט ברודערליכען גרוס,
עקז. באארד, לאקאל 82, א.ל.ג.וו.י.
מ. גרייבער, פרעזידענט.
ט. ראזענבלאט, סעק.-מענעדזשער.

וואהלען פאר בעאמטע אין דער סקוירט מאכער יוניאן, לאקאל 23

איבערמארגען דאנערשטאג, דעם 10טען מארטש, וועלען פארקומען וואהלען אין דער סקוירטמאכער יוניאן, לאקאל 23. שטימען וועט מען אין אפיס פון דער יוניאן, 231 איסט 14טע סטריט. שטימען וועט מען קענען פון 4 אזייגער נאכמיטאג ביז 9 אזייגער אין אווענט.

די וואהלען ווערען געמאכט פאר א מענעדזשער פון לאקאל, פאר עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער, פאר מיטגלידער פון דער רעליף קאמיטע און פאר טרעסטיס. שטימען וועלען קענען נאר מיטגלידער, וואס האבען דעם נייעם אינטערנעשאנאל יוניאן ביכעל.

די מיטגלידער פון לאקאל 23 ווערען אויפגעפאדערט זיך צו באטייליגען אין דעם לעבען פון דער יוניאן און שטימען פאר די קאנדידאטען, וואס זיי רעכענען, אז זיי וועלען אמבעסטען פארטרעטען די אינטערעסען פון די מיטגלידער און פון דער יוניאן. זאלען וואס מעהר מיטגלידער פון דעם לאקאל זיך באטייליגען אין די וואהלען. געדענקט, דאס די וואהלען וועלען פארקומען איבערמארגען דאנערשטאג, דעם 10טען מארטש.

ווייסט גודס מאנופעקטשורערס ווילען ניט נאכגעבען די פאדערונגען פון דער יוניאן

יוניאן רופט א גענעראל מעמבער-מיטינג פארצולייגען די לאגע פאר די מיטגלידער.

די סוב-קאמיטע פון דער ווייסט גודס ווארקערס יוניאן, לאקאל 62, און די אסאסיאיישאן האבען דעם 28טען פעברואר אפגעהאלטען א צווייטע קאנפערענץ. אויף דער קאנפערענץ האט מען ערווארטעט צו קומען צו אן איינפארשטענדיגונג וועגען דער יוניאנ'ס פאדערונגען: פאר א 40-שטונדיגער אין 5 טעג ארבייטס-וואך, ווי אויך פאר א העכערונג אין שכירות.

עס איז אבער פון קאנפערענץ גארנישט געווארען. די פארטרעטער פון די באלעבאטים האבען פארגעשלאגען עטוואס, וועלכעס די יוניאן האט ניט געקאנט אננעהמען.

עס ווייזט אויס, אז די באלעבאטים האבען גארנישט קיין חשק איינצושטעלען די 40 שטונדיגע ארבייטס-וואך. אונטער פארשיעדענע תרוצים זוכען זיי פון דער גאנצער פראגע זיך ארויסצודרעהען. זייער הויפט טענה איז, אז די ביזנעס זייערע איז אין אזא צושטאנד, אז זיי קענען דער יוניאנס פארלאנג „פאר קיין פאל ניט נאכגעבען". זיי האבען אבער, ווי עס ווייזט אויס, געפיהלט, אז צו קומען צום קאנפערענץ און ענטפערען: „מיר ווילען גאר ניט געבען", וואלט זיי אוועקגעשטעלט אין א שלעכטער פאזיציע, האבען זיי דארום געבראכט עטוואס, וועלכעס די יוניאן-קאמיטע האט זיך ענטזאגט אנצונעהמען, אומזיסט איז זיך פאנאנדערגעגאנגען מיט גארנישט.

צו וואס דאס וועט פיהרען איז נאך אין דעם מאמענט ניט באשטימט. דער עקזעקוטיוו באארד פון דער יוניאן האט דינסטאג ביי נאכט אפגעהאלטען א ספעשעל מיטינג וועגען וואס ווייטער צו טאן.

א גרויסער גענעראל מעמבער מיטינג ווערט יעצט צוגעגרייט, ביי וועלכען עס וועט אפגעגעבען ווערען א באריכט ווע-

(שלוס אויף זייט 11)

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 9.

זייט 2. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — מ. שעהנפעלד.
זייט 3. איינדרוקען פון א פאר מיטינגען פון דער עקזעקוטיוו באארד לאקאל 2 — פיליפ קורינסקי. פארשיידענעס.
זייט 4. ווי די קאמוניסטען רייסען איבער געוואלד געלט אויסצוהאלטען זייער קלויזעל — יצחק פיינשטיין.
זייט 5. גליק — מאקסים גארקי. ניט מעהר ווי אויף שפאס — מרים קארפילאוו.
זייט 6. עדיטאריעלס.
זייט 7. סעמיועל גאמפערס — ה. לאנג. די פיל באגערטע (געדיכט) — נפתלי גראס.
זייט 8. צעהן יאהר אידישער קונסט-טעאטער — ל. פינקעלשטיין. הערבסט שטימונג — ל. פערעלשטיין. 150 צדיקים — ז. ווהילער.
זייט 9. דאס געדרוקטע ווארט — על עם. ענטפערס פון רעדאקציע. עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.
זייט 10 און 11. שלוסען און אדווערטייזמענטס.
זייט 12. אין דער טעמפעל מאכער יוניאן, לאקאל 8 — ד. רוביו. אנאנסמענטס.

וואהלען פאר בעאמטע פון די לאקאלס 2, 9, 22 און 35 וועלען פארקומען אין מערץ

(שלוס פון זייט 1)

די קאאפעראציע פון די מיטגלידער איז דאך אזוי נויטיג פאר דער גרויסער ארבייט וואס דער יוניאן שטעהט איצט פאר.

פאר אט דער ארבייט איז אויך נויטיג, אז ווען די וואהלען וועלען געמאכט ווערען, זאלען וואס מעהר מיטגלידער פון די לאקאלס זיך אין זיי באטייליגען. וואס גרעסער עס איז דער עולם, וואס קומט שטימען פאר א באאמטען, אלץ א בעסערע ווירקונג האט עס, סיי אויף דעם באאמטען גופא, סאי אויף דער עפענטליכער מיינונג. דער באאמטער פיהלט אויף זיך מעהר פאראנטווארטליכקייט, און עס ניט מעהר חשק צו ארבייטען מיט פלייס אין די אינטערעסען פון דער יוניאן און פון די מיטגלידער. און עס ווילט זיך האפען, דאס די גרויסע צאהל מיטגלידער פון די נייע לאקאלס וועלען דאס איינזעהען און וועלען אין גרויסע מאסען זיך באטייליגען אין די וואהלען, און וועלען שטימען פאר די בעסטע און פעהיגסטע קאנדידאטען אויפ'ן טיקעט.

די נאמינײשאן מיטינגען מאנטאג און דאנערשטאג.

די פארבארייטונגען פאר די וואהלען האבען זיך אנגעהויבען מאנטאג אווענט. גרויסע און ענטוזיאסטישע מעמבער־מיטינגען זיינען אפגעהאלטען געווארען מאנטאג אווענט פון די לאקאלס 2, 9 און 35, וואו עס זיינען געמאכט געווארען די נאמינײשאנס פאר די אלע באאמטע פון די נייע לאקאלס, און עס זיינען אויך ערוויילט געווארען „עלעקשאן און אבדזשעקשאן" קאמיטעס, וועלכע וועלען צוזאמען מיט א קאמיטע פונ'ם גענעראל עקזעקוטיוו באארד, דורכפיהרען די וואהלען אויף א געהעריגען אופן. אונזער אינטערנײשאנאל האט אויך איינגעלאדען די אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר צו שיקען א קאמיטע צו זעהן ווי די וואהלען וועלען דורכגעפיהרט ווערען. די אינטערנײשאנאל וועט אויפפאסען, אז די וואהלען זאלען דורכגעפיהרט ווערען אויף דעם בעסטען און עהרלאכסטען אופן, זי האט ניט מיט קיין זאך צו באהאלטען. די וואהלען וועלען דורכגעפיהרט ווערען אויף אזא ארט, אז קיין פאסקודניאק אפילו זאל נאכדעם ניט קאנען זאגען, אז עס איז געמאכט געווארען קונקעל מונקעל מיט די וואהלען, ווי די קאמוניסטען האבען עס א'מאל געטאן.

לאקאל 2 האט געהאט א שעהנעם מיטינג אין לייבאר טעמפעל, 14טע סט. און 2טע עוועניו. וועגען דעם מיטינג וועלען די לעזער געפינען א באזונדער באריכט אויף א צווייטען ארט אין דער צייטונג.

די לאקאלס 9 און 35 האבען געהאט זייערע מיטינגען אין וועבסטער האל. יעדער לאקאל האט געמיט אין א באזונדער האל.

אלע דריי מיטינגען זיינען געווען זעהר גוט באזוכט. עס זיינען ערוויילט געווארען „עלעקשאן און אבדזשעקשאן" קאמיטעס און עס זיינען נאמינירט געווארען קאנדידאטען פאר אלע אמטען אין די לאקאלס, באצאהלטע און ניט באצאהלטע. אין קומענדען נומער „גערעכטיגקייט" וועלען מיר פארעפענטליכען די ליסטען מיט אלע נעמען פון די נאמינירטע קאנדידאטען אין די אלע לאקאלס.

די דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22 וועט האבען א מעמבער מיטינג דעם דאנערשטאג, דעם 24טען פעברואר, און דארט וועלען געמאכט ווערען די נאמינײשאנס פאר די באאמטע פון דעם לאקאל. דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען אין אדיטאריום פון די רענד סקול, 7 איסט 15טע סטריט.

מיר דרוקען דא איבער די רעזאלוציע פון דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד, וואס וועט זיכער פארבלייבען א היסטארישער דאקומענט.

די רעזאלוציע פון דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער א. ל. ג. וו. י.

אנגענומען דעם 14טען פעברואר, 1927, און ארויסגעשיקט צו די אלטע לאקאלס 2, 9, 22 און 35.

„אין אנבאטראכט, דאס די לאקאל־יוניאנס נומער 2, 9, 22 און 35 זיינען היינטערשטעליג אין זייערע צאהלונגען פון דעם פער קאפיטא טעקס און אסעסמענטס צו דער אינטערנעשיאנעל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן פאר זייער א לאנגער צייט, און האבען פארפעהלט צו צאהלען דיזע שולדען 30 טעג נאכדעם ווי דער גענעראל סעקרעטאר־טרעזשורער אב. באראף האט ארויסגעשיקט א פארמעלע אויפפאדערונג, אז זיי זאלען דאס איינצאהלען, און האבען אויך פארפעהלט צו בעטען פאר א פארלענגערונג פון דער צייט אין וועלכער גוט צו מאכען אזעלכע צאהלונגען.

„באשליסט, דעריבער, דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנעל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, אין אנקלאנג מיט די פונקטען פון דער קאנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאנאל, און ארדערט:

1. דאס די לאקאלס 2, 9, 22 און 35 ווערען אויסגעשלאסען פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן.

2. דאס די טשארטערס פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, וועלכע זיינען ארויסגעגעבען געווארען צו די אויבען דערמאנטע לאקאלס 2, 9, 22 און 35 ווערען צוריקגעצויגען, און די באטרעפענדע לאקאל יוניאנס און בעאמטע ווערען געארדערט איבערצוגעבען צו דעם דזשענעראל סעקרעטאר־טרעזשורער אין פארלויף פון 48 שעה, די טשארטערס, ביכער, פאנדען און אלע אנדערע אייגענטום אין זייער באזיץ.

3. א נייער טשארטער זאל גלייך ארויסגעגעבען ווערען צו די קלאוק, סוט און ריפער אפערייטארס, וועלכע ארבייטען אין גרייטער ניו יארק און זיינען מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, אונטער דעם נאמען און נומער פון קלאוק סוט, און ריפער אפערייטארס יוניאן לאקאל 2 פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, און בלויז אט דער רעארגאניזירטער לאקאל זאל זיין בארעכטיגט צו נוצען דיזען נאמען און נומער.

א נייער טשארטער ווערט באוויליגט און זאל גלייך ארויסגעגעבען ווערען אויך צו די קלאוק און סוט פינישערס, וועלכע ארבייטען אין גרייטער ניו יארק און זיינען מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן אונטער דעם נאמען און נומער פון קלאוק און סוט טיילארס יוניאן, לאקאל 9 פון דער אינטערנעשאנעל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, און בלויז דיזער רעארגאניזירטער לאקאל זאל אויסשליסליך זיין בארעכטיגט צו נוצען דיזען נאמען און נומער.

א נייער טשארטער ווערט אויך באוויליגט, און וועט גלייך ארויסגעגעבען ווערען, צו די דרעסמאכער וועלכע ארבייטען אין גרייטער ניו יארק און וועלכע זיינען מיטגלידער אין דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן אונטער דעם נאמען און נומער פון דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22 פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן. און בלויז דיזער רעארגאניזירטער לאקאל זאל זיין אויסשליסליך בארעכטיגט צו נוצען דיזען נאמען און נומער.

א נייער טשארטער ווערט באוויליגט און וועט אויך גלייך ארויסגעגעבען ווערען, צו די קלאוק, סוט און דרעס פרעסערס אין גרייטער ניו יארק, וועלכע זיינען מיטגלידער אין דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן אונטער דעם נאמען און נומער פון קלאוקס, סוט און דרעס פרעסערס יוניאן, לאקאל 35, פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן. און בלויז דיזער רעארגאניזירטער לאקאל זאל זיין בארעכטיגט צו נוצען דיזען נאמען און נומער.

4. אלע סאב־קאמיטעס, וועלכע זיינען פריהער באשטימט געווארען פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד צו פארפיהרען צייטווייליג די געשעפטען און אנגעלעגענהייטען פון די אויבען דערמאנטע לאקאלס נומער 2, 9, 22 און 35, און וועלכע פיהרען איצט אן צייטווייליג די טעטיגקייט און פונקציעס פון בעאמטע און לאקאלע עקזעקוטיוו באארדס, זאלען אויך ווייטער אנהאלטען זייערע פאזיציעס ביז עס וועלען אפגעהאלטען ווערען עלעקשאנס, פאר וועלכע עס ווערען דא געמאכט פראוויזיעס, און נאכדעם ווי די עלעקשאנס וועלען אפגעהאלטען ווערען, וועלען זיי איבערגעבען אלע זייערע ביכער, רעקארדס און אייגענטום פון זייערע לאקאלס צו די פערזאנען וועלכע וועלען ערוועהלט ווערען דורך אזעלכע עלעקשאנס.

5. אלע אפערייטארס וועלכע האבען זיך ביז איצט רעדזשיסטרירט מיט דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, אדער מיט אירגענד וועלכער קאמיטע, וועלכע איז אויטאריזירט געווארען פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד צו האנדלען אין נאמען פון דער אינטערנעשאנאל, ווערען פאררעכענט אלס מיטגלידער אין דער נייער, רעארגאניזירטער קלאוק, סוט און ריפער מאכער יוניאן, לאקאל 2 פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, מיט אלע רעכטען און פריווילעגיעס צו וועלכע זיי זיינען פריהער בארעכטיגט געווען אלס מיטגלידער פון פריהערדיגען לאקאל 2.

„אלע פינישערס וועלכע האבען זיך רעדזשיסטרירט מיט דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, ווערען פאררעכענט אלס מיטגלידער פון דער ניי־געטשארטערטער און רעארגאניזירטער קלאוק און סוט טיילארס יוניאן, לאק. 9 פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, מיט די זעלבע רעכטען און פריווילעגיעס.

„אלע דרעסמאכער, וועלכע האבען זיך רעדזשיסטרירט מיט דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, ווערען פאררעכענט אלס מיטגלידער פון דער ניי־געטשארטערטער, רעארגאניזירטער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22 פון דער א. ל. ג. וו. י., מיט די זעלבע רעכטען און פריווילעגיעס.

„אלע פרעסערס וועלכע האבען זיך רעדזשיסטרירט מיט דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, ווערען פאררעכענט אלס מיטגלידער פון דער ניי־געטשארטערטער רעארגאניזירטער קלאוק, סוט און דרעס פרעסערס יוניאן, לאקאל 35, א. ל. ג. וו. י., מיט די זעלבע רעכטען און פריווילעגיעס.

אלע מיטגלידער פון די פריהערדיגע לאקאלס 2, 9, 22 און 35, וועלכע האבען זיך ביז איצט ניט רעדזשיסטרירט מיט דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, קענען אריינקומען אלס מיטגלידער אין די נייע, רעארגאניזירטע לאקאלס ווען זיי וועלען איינצאהלען זייערע ריקשטעהענדע דיוס און אסעסמענטס, דאס איז אבער גילטיג בלויז דאן, ווען זיי מאכען אן אפליקאציע פאר מיטגלידערשאפט אין די רעארגאניזירטע לאקאלס, איידער עס וועלען אפגעהאלטען ווערען וואהלען פאר נייע בעאמטע, לויט דעם באשלוס פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. דער דאטום פון אזעלכע נאמינײשאנס און וואהלען וועלען אנאנסירט ווערען אין דער אלגעמיינער פרעסע.

לויט דעם ארדער פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד,
מאריס זיגמאן, פרעזידענט.
אב. באראף, גענ. סעק.־טרעזש.

שאפ־טשערליים פון לאקאל 62 דריקען אויס פולען צוטרוי צו דער אדמיניסטראציע פון לאקאל

דאנערשטאג, דעם 17טען פעברואר, איז אפגעהאלטען געווארען א ספעציעל מיטינג פון די שאפ־טשערליידים פון די אנדערוועאר שעפער, וועלכע זיינען אונטער דעם קאנטראל פון די ווייט גודס ווארקערס יוניאן, לאקאל 62. דיזער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען אין בעטהאווען האל און איז געווען דער בעסט־באזוכטער שאפ־טשערליידים מיטינג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען פאר זעהר א לאנגער צייט.

די הויפט־פראגע, וואס איז ביים מיטינג דיסקוטירט געווארען, איז געווען די פראגע פון אונטערהאנדלונגען מיט די באלעבאטים פאר דער באנייאונג פון דעם אגרימענט. די פארזאמלונג האט אויסגעהערט א באריכט פון די באאמטע פון לאקאל, וועלכער איז גוטגעהייסען געווארען פון די שאפ־טשערליידים. ניט אכטענדיג, וואס עס איז פארשפרייט געווארען א צירקולאר פון געוויסע עלעמענטען מיט דעם צוועק צו שאפען מיסטרויען און פארבלאנטונג אין די רייהען פון דער יוניאן, האבען דאך די פארזאמעלטע שאפ־טשערליידים אויסגעדריקט זייער פולען צוטרויען צו די באאמטע פון דער יוניאן און צו דער קאנפערענץ־קאמיטע.

אין דעם איצטיגען מאמענט ווערען די אונטערהאנדלונגען אנגעפיהרט דורך ספעציעלע סאב־קאמיטעס, וועלכע זיינען ערוועהלט געווארען פון די קאנפערענץ־קאמיטעס פון דער אסאסיאיישאן און פון דער יוניאן. די הויפט־פאדערונגען פון לאקאל 62 זיינען א 40־שטונדיגע, פינף־טאגיגע ארבייטס־וואך, העכערונגען אין פרייזען פאר שטיק ארבייט, העכערונגען אין דעם אלגעמיינעם סקייל פאר וואך־ארבייטער און פארשידענע אנדערע פארבעסערונגען.

קלאוק פינישערס פון לאק. 9

א. ל. ג. וו. י., אויפמערקזאם!

די פאלגענדע מעמבערס זיינען נאמינירט געווארען אלס קאנדידאטען פאר בעאמטע פון אונזער לאקאל פאר'ן קומענדען טערמין.

פאר מענעדזשער:

נ. קוירצמאן   פ. רײן   מ. פליישער

פאר טשערמאן:

ל. קאופמאן   ב. ראזענבערג   ס. אמיסלאווסקי   פ. רײן
נ. קוירצמאן   פ. בערמאן   דזש. פארטנאי

פאר עקזעקוטיוו באארד דעלעגאטען:

אמיסלאווסקי, ס.	גאלדשטיין, מ.	ליסס, נ.	שווארטז, י.
ברעדשניידער, מ.	נרינבוש, דזש.	לאנגליב, הילדא	שערמאן, ס.
בערמאן, ס.	גארדהער, ה.	לעדער, ב.	סאבעל, ס.
בלאט	גלאזאף	מילער	סאבעל, ג.
ביילין, דזש.	הובערמאן, ב.	מיינער, ד.	שטיינבערג, נ.
בערמאן, י.	האראוויטש	מאטקאוויטש ב.	וואכטעל, ה.
בארינשטיין	קילבערג	מענדעס, ד.	שניידערמאן, ס.
בעקאוויטץ, ס.	קיפנעס, מ.	ניומאן, ה.	סלאבאדא
קאהען, פה.	קוירצמאן, נ.	פארטנאי, דזש.	סאמער, סיליא
קאהען, י.	קראוויץ, מ.	ראזענבערג, ב.	סאלטצבערג, ה.
רענן, ה.	קינדזשערסקי	רובין א.	שניידער
ראבקין	קראוויטז	רודניצקי, פ.	סעמיועלס
עלפערט, א.	קאופמאן	ריין, פ.	טאלקאף
פליישער מ.	לייטמאן	רוסנאף	ווינאטצקי
פרידמאן, דזש.	לעפקאוויטש מ.	ראכלין, ל.	וואללאך
פעדערמאן, רעבעקא	ליסמאן	ראבינאוויטש, ס.	ווארטצעל
פריעדמאן, מ.	לובין, ס.	סאקאפסקי, א.	צוקערמאן, ס.
		שניידער	זיידמאן

אלע נאמינירטע קאנדידאטען זיינען געבעטען אריינצוברענגען זייערע אדרעסען און לעדזשער נומערס און ענטפערען צו דער עקז. באארד ביז מיטוואך, 12טען מערץ, אין לאקאל 48 בילדינג, 231 א. 14טע סטריט, אויב זיי נעהמען אן די קאנדידאטור.

די אבדזשעקשאן און עקזאמינײשאן קאמיטע וועט זיצען שבת דעם 5טען מערץ, 10 אזייגער אין דער פריה, אין 231 איסט 14טע סטריט.

די יעניגע וואס האבען אבדזשעקשאנס געגען אירגענד וועמען פון די אויבענדערמאנטע קאנדידאטען ווי אויך די קאנדידאטען זעלבסט זיינען געבעטען צו ערשיינען פאר דער אבדזשעקשאן קאמיטע.

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 9, א. ל. ג. וו. י.

נ. קוירטצמאן, טשערמאן.
פ. ריין, עקטינג מענעדזשער.

איינדרוקען פון א פאר מיטינגען פון לאקאל 2 עקזעקוטיוו באארד

פון פיליפ קורינסקי.

פיעל מאל, זיצענדיג ביי אן עקזע-
קוטיוו באארד מיטינג, טראכט איך ביי
זיך אין הארצען: נאראנים זיינען די
יעניגע, וועלכע מאכען פון עקזעקוטיוו
באארד מיטינגען עקזעקוטיוו סעשאנס,
אז ניט קיין עקזעקוטיוו באארד מעמ-
בערס זאלען ניט קאנען אנוועזענד זיין.
ווען איך זאל זיין א רייכער מאן, טראכט
איך מיר, וואלט איך בייגעשטייערט די
גרעסטע סומע געלד, אז מען זאל אויס-
בויען אזא גרויסע זאל, וואו ס'זאל מעג-
ליך זיין, אז אינמיטען ביי א טיש זאלען
זיצען די עקזעק. באארד מעמבערס און
זאלען פארהאנדלען וועגען יוניאן פראב-
לעמען, און ארום דעם טיש זאלען זי-
צען הונדערטער און הונדערטער געסט
און זאלען זיך צוהערען צו די פארשיע-
דענע יוניאן פראבלעמען און צו דער רו-
טינער ארבייט און ווי אזוי דיזע אר-
בייט ווערט דורכגעפיהרט. נאר אנדערש
וואלטען דאן דיזע געסט געדענקט פון
א יוניאן. זיי וואלטען זיך באצויגען
צו דער יוניאן און צו דער יוניאן'ס
ווארט מיט א דרך ארץ, מיט א יראת
הכבוד, מיט מעהר רעספעקט.

און ווי זאגט מען, האבען אמאל די
רבנן געלערנט, אז מען שטעלט זיך ניט
דאוועגען אין מיטען פון טרויער, פויל-
קייט, געלעכטער און ניט אין מיטען פון
שמועסען און ניט אין מיטען פון פוס-
טע רייד און לייכטזין, נאר אין מיטען
פון פרייד איבער די מצוה. יא, זיי
האבען גוט געלערנט. ס'איז טאקע א
פארגעניגען צו זיין צווישען א געזעל-
שאפט, וואו מען דאוונט ניט אינמיטען
פון די אלע אויבען דערמאנטע זאכען,
נאר מען טוט דאס מיט פרייד איבער די
מצוה, איבער א פרינציפ, איבער דעם
פרינציפ פון יוניאניזם.

זאגט וואס איהר ווילט, אבער אזוי
האבען פארט אויף מיר געמאכט אן איינ-
דרוק די לעצטע פאר מיטינגען פון דער
עקזעקוטיוו באארד לאקאל 2 א. ל. ג.
ו. יוניאן.

***

אט קומט אויף א פראגע, למשל,
וועגען דעם וואס פיעלע קלאוקמאכער
ארבייטען שבת, ווי אזוי א שטיינער,
און אין וואס פאר א זין ווערט די פראגע
באטראכט און ארומגערעדט אויף אן
עקזעקוטיוו באארד מיטינג?

ס'איז אמת, זאגט אן עקזעקוטיוו
מעמבער, אז די קלאוקמאכער האבען
גענוג געקעמפט פאר שבת ניט צו אר-
בייטען, און ווען זיי האבען דאס אויס-
געקעמפט און פארשווערכען דעם פרינ-
ציפ, דעם געבאט, פארשטעהט זיך, טוען
זיי א פארברעכען. מען קאן אבער דאך
ניט ארויסקומען צו די מעמבערס מיט
א פארזאג, מיט א פארבאט, אז דער,
וואס ארבייט אום שבת, איז חייב
מיתה. און סטראשען זיי, ווי די
אידען אין דער מדבר, אז זיי מוזען
אנעהמען דעם רוה-טאג. דאס האט
א בת-קול געקאנט זאגען צו די אידען
אין דער מדבר, אבער ביי אונז, וואו די,
וואס דארפען דעם געזעץ אפהיטען, זיי-
נען שטענדיג פנים אל פנים מיט די,
וואס האבען דאס געזעץ אויסגעווירקט,
איז שווער מיטאמאל דורכצופיהרען.
איבערהויפט אין א צייט, ווען די
קלאוקמאכער האבען אזוי פיל זיך אויס-
געהונגערט און האבען אזוי פיל זיך
פארשולדיגט.

זאגט א צווייטער עקזעקוטיוו באארד
מעמבער: מיר מוזען פארזעצען אונ-
זער ארבייט און זעהן, אז יעדען שבת
אין דער פריה זאלען אלע דזשאינט בא-
ארד און עקזעקוטיוו דעלעגאטען און אק-
טיווע מעמבערס זיך ארויסלאזען אין
קלאוקמאכער מארקעט, און איבער די
שעפער און אויף אזא מין ארט ניט
דערלאזען די מחלל שבת'ניקעס, אז זיי
זאלען געהן צו דער ארבייט. מען מוז
זעהן זיי צו דיסציפלינירען.

דאס ווארט דיסציפלין ברענגט ארויס
א היציגע דעבאטע. דאס איז א „קא-
מוניסטישע מעטאדע" — שרייט אויס
איינער, נעהמענדיג דאס ווארט, און בא-
ווייזט מיט א פירוש, אז עס שטעהט ניט
אזוי אין דעם שולחן ערוך פון דעם
טרייד יוניאניזם. און עס פאנגט זיך אן
א גירסא פון א „תלמידו של ר' שמעון
אומר משום ר' שמעון", און אזוי בא-
ווייזט בפירוש דער עקזעקוטיוו באארד
מעמבער, אז דאס איז קאמוניסטישע
דיסציפלין. און פון דעם סארט דיס-
ציפלין דארף מען זיך היטען, ווי פון א
פעסט.

ענדליך ווערט געזאגט דאס אמת'ע
טרייד יוניאניסטישע לאגישע ווארט.
עס פארשטעהט זיך, עס ווערט פון אלע-
מען אהן א קל וחומר אנגענומען דער
געדאנק, אז די מעטאדען פון צוואנגס-
מיטלען דארף מען ניט באנוצען. קיין
זאך טאר ניט דורכגעפיהרט ווערען מיט
מאכט, מיט צוואנגסמיטלען. דער איינ-
ציגער מיטעל, וואס קען ברענגען צו אן
אמת'ען ערפאלג, איז אויפקלערונג. דער
קאנטשיק, דער קנוט איז אפשר א גוטער
מיטעל, מיט וועלכען איינצושטילען ראז-
באיניקעס און העכסט קרימינאלע ארעס-
טאנטען, און אויך דא איז א גרויסער
פראגע-צייכען, צי מעג מען זיך באנו-
צען מיט אזעלכע מעטאדען. אבער מיט
דערוואקסענע מענשען, מיט יוניאן-
לייט, מיט זיי דארף מען זיך גאר אנ-
דערש באגעהן.

מיט יוניאן-לייט דארף מען אנגעהן
נאר מיט אויפקלערונגס-ארבייט, און
נאר מיט'ן גייסט. מיט אויפקלערונגס-
ארבייט קאן געשאפען ווערען א פרייווי-
ליגער ווילען ביי די מיטגלידער, אז זיי
זאלען אויפהערען צו באגעהן יעדען טאג
א פארברעכען.

די מיטגלידער מוזען אנהויבען צו
פארשטעהן, אז דאס ניט ארבייטען שבת
איז ניט גלאט אזוי א פארבאט,
נאר א דערגרייכונגס-שטופע פון די צי-
לען פון טרייד-יוניאניזם. דער גאנצער
געדאנקען גאנג פונ'ם טרייד יוניאניזם
איז גרינג צו מאכען, צו פארלייכטערען
די לאגע פונ'ם ארבייטער, צו געווינען
פאר איהם מעהר רוה-צייט, ער זאל זיך
קאנען ענטוויקלען סיי פיזיש, און סיי
גייסטיג, און קאנען פארברענגען וואס
מעהר אין דעם ווארימען ווינקעל פון זיין
פאמיליע.

דער טרייד-יוניאניזם זוכט דעם אר-
בייטער אויפצוהויבען אויף דער הויך
פון מענשליכען געשטאלט און אויסצור-
געהן פון דעם געדאנק פון די יעניגע
בורזשואזע פילאסאפען, וועלכע זאגען,
אז די ארימע מאסען זיינען פון אן אנדער
טייג געקנאטען, אז זיי זיינען פון א ני-
דעריגערען קלאס מענשען, און אז קיין
אנשטרענגונג וועט זיי ניט קאנען אויפ-
הויבען צו דער שטופע פון בעסערע מענ-
שען. פארקעהרט, אזעלכע פאדערונגען,
ווען זיי ווערען אפגעהיט, ציינגען, אז
דער ארבייטער זוכט צו געניסען פון לע-
בען מאטעריאליש און גייסטיג און צו
האבען מעהר צייט צו לעבען און מעהר
גייסטליכען גענוס.

***

פארטיג מיט דער פראגע, ווערט גלייך
דיסקוטירט די פראגע וועגען דיוס. די
דיוס-פראגע איז פארבונדען מיט דער
פראגע פון ארגאניזאציאנס-ארבייט.

די מיינונג פון די עקזעקוטיוו בא-
ארד מעמבערס איז: אז מען זאל ניט
מורא האבען ארויסצוקומען צו די מיט-
גלידער מיט'ן אמת. ס'איז ניטא וואס
צו באהאלטען. עס זיינען פארהאן איצט
הונדערטער און הונדערטער סקעב-שע-
פער, און אין פילע פון די יוניאן-שע-
פער ווערען אויך ניט שטרענג אפגעהיט
די יוניאן-רולס. און עס מוז גלייך עפעס
געטאן ווערען, מען מוז זיך גלייך נעה-
מען צו ווירקליכע ארגאניזאציאנס-אר-
בייט.

פרעגט זיך, ווי אזוי-זשע קען מען
צוטרעטען צו אזא ארבייט אהן געלד?
ווי אזוי, פרעגט זיך, קאן אינגאנצען א
יוניאן אויפגעהאלטען ווערען אהן געלד,
אהן דיוס-צאלען? קיין געזעלשאפט,
קיין גרופע, ווי קליין זי זאל ניט זיין,
קאן ניט אויפגעהאלטען ווערען אהן די
ביישטייערונג פון איהרע מיטגלידער,
ווער שמועסט נאך א יוניאן, וועלכע איז
א קאמפס-ארגאניזאציע.

נון, איז דאס דען מעגליך, אז די
מיטגלידער פארשטעהען דאס ניט? איז
דען מעגליך, אז די מעמבערס פאר-
שטעהען ניט, אז פאר אן ארבייטער צו
זיין אהן א יוניאן איז א לעבענסגעפאר,
א פשוט'ע שקלאפעריי. ניין, דאס איז
אונמעגליך. דעריבער קומט דער עק-
זעקוטיוו באארד צום באשלוס, צו רע-
קאמענדירען צו דער דזשאינט באארד
צו רופען א שאפ-טשערמען מיטינג, וואו
די פראגע זאל אויף א ברייטען אופן
דיסקוטירט ווערען פון די שאפ-טשער-
לייט זעלבסט, און די עקזעקוטיוו בא-
ארד מיטגלידער האבען דעם פולען גלוי-
בען אין די רעדזשיסטרירטע מיטגלידער,
אז זיי וועלען נאר אויף א שכל'דיגען
און פרינציפיעלען אופן דורך א פעסטען
באשלוס ארויסווייזען זייער לאיאליטעט
צו דער יוניאן.

מיר וועלען אין א צווייטען ארטי-
קעל אנווייזען די שטעלונג פון דער עק-
זעקוטיווע צו דער פראגע וועגען די וואי-
לען און אנדערע פראבלעמען אין דער
יוניאן. דערווייל אין היינטיגען נומער
וועלען מיר זיך באגנוגען מיט דעם,
וואס מיר האבען געזאגט, ווייל טאמער
ניט, דענק איך, אז דער רעדאקטאר אונ-
זערער וועט מיר נאך דערמאנען, אז א
צווייטער דארף אויך עפעס אנשרייבען
אין דער „גערעכטיגקייט".

נויארק סענטראל טריידס און לייבאר קאונסיל שליסט אויס 23 קאמוניסטישע דעלעגאטען

קאמוניסטישע פארטרעטער פון אונזער אינטערנעשאנאל און די פאריער לאקאלס אויסגעשלאסען. — צענטראלע קערפערשאפט האנדעלט אויף דער איניציאטיווע פון פרעזידענט גרין. — אנדערע דעלעגאטען ווערען צוגעלאזען.

(איבערגעבליבען פון לעצטער וואך)

23 קאמוניסטישע דעלעגאטען, פאר-
טרעטענדיג די לאקאל יוניאנס פון די
פאריערס און פון די קלאוק און דרעס-
מאכער אין ניו יארק, זיינען פארלעצטען
דאנערשטאג אווענט, דעם 17טען פעב-
רואר, אויסגעשלאסען געווארען פון די
סענטראל טריידס און לייבאר קאונסיל,
אויף דעם פארלאנג פון פרעז. וויליאם
גרין פון דער אמעריקאן פעדערישאן אוו
לייבאר, וועלכער האט אינפארמירט דער
צענטראלער קערפערשאפט, דאס דיזע
דעלעגאטען זיינען מער ניט בארעכטיגט
צו זיין אנגעשלאסען אן דער אמעריקא-
נער ארבייטער באוועגונג צוליב זייער
קאמוניסטישער טעטיגקייט.

צוויי פון די אויסגעשלאסענע דעלע-
גאטען האבען געמאכט א פארזוך צו
פראטעסטירען, אבער פרעז. דזש. רייען
האט זיי ערקלערט, אז זיי ווערען מעהר
ניט אנערקענט אלס דעלעגאטען צו דער
צענטראלער ארבייטער קערפערשאפט
און קענען ניט באקומען דאס ווארט.
דער קאונסיל איז דאן צוגעטראטען צו
אפהאלטען די זיצונגען פון דער קער-
פערשאפט, און די אויסגעשלאסענע דע-
לעגאטען האבען פארלאזען דעם פלאץ.

מעטיו וואל באשולדיגט קאמוניסטען מיט פארמירען דואלע יוניאנס.

מעטיו וואל, וויס פרעזידענט פון
דער א. פ. אוו לייבאר, און טשערמאן
פון דער ספעציעלער קאמיטע וואס האט
געפירט די אונטערזוכונג פון דעם פאר-
יערס סטרייק, האט איבערגעגעבען, דאס
די פעדערישאן איז אנטשלאסען זיך צו
באפרייען פון מיטגלידער, וועלכע זיינען
אגענטען פון דער קאמוניסטישער פאר-
טיי. ער האט ערקלערט, דאס די קאמו-
ניסטען האבען כמעט ווי רואינירט די
קלאוקמאכער לאקאלס פון ניו יארק, און
דאס די אינוועסטיגיישאן קאמיטע האט
ערהאלטען אונצייליגע בריף פון פאר-
יערס, אויפפאדערענדיג דער פעדעריי-
שאן צו „באפרייען זיי פון דער הער-
שאפט פון טעראר וואס איז איינגעפירט
געווארען פון די קאמוניסטישע פיהרער
פון די פאריערס לאקאלס".

א דאנק דעם וואס די קאמוניסטען
זיינען טאלערירט געווארען, זיינען די
נאדעל טריידס כמעט ווי רואינירט גע-
ווארען — האט וואל ערקלערט. ער
האט באשולדיגט די קאמוניסטישע פיה-
רער פון די פאריערס מיט ארויסשיקען
אגענטען איבער גאנץ אמעריקא מיט'ן
צוועק צו פארמירען אפאזיציאנס גרופען
געגען דער אמעריקאן פעדערישאן אוו
לייבאר. ער האט אויפגעפאדערט די דע-
לעגאטען צו דער סענטראל טריידס און
לייבאר קאונסיל צו פאראייניגען זיך
מיט דער א. פ. אוו לייבאר אין דעם
קאמף געגען די קאמוניסטען, כדי זייער
סוף זאל זיין שנעל און ערפאלגרייך.

אין זיין בריף האט פרעזידענט גרין
ערקלערט, דאס דער טרויעריגער איבער-
ליכער קאמף וואס די קאמוניסטען הא-
בען אנגעפאנגען אין די יוניאנס, פא-
דערט א באלדיגע און ענטשלאסענע
האנדלונג. די לעצטע אנטוויקלונגען בא-
ווייזען, האט גרין ערקלערט, אז די דע-
לעגאטען פון די לאקאלס 1, 5, 10 און
15 פון דער אינטערנעשאנאל פאריערס
יוניאן, און פון די לאקאלס 2, 9, 22
און 35 פון דער אינטערנעשאנאל לייד-
דיס גארמענט ווארקערס יוניאן, האבען
פארשפילט זייער רעכט צו פארבלייבען
אויף ווייטער דעלעגאטען צו די זיצונגען
פון קאונסיל, און ער האט פארלאנגט,
אז זיי זאלען אויסגעשלאסען ווערען.

ווען די אויסגעשלאסענע דעלעגאטען
האבען פארלאזען דעם מיטינג, זיינען די
פאלגענדע דעלעגאטען פון דער אינטער-
נעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס
יוניאן אינסטאלירט געווארען צו פאר-
נעמען זייערע פלעצער: ב. מאזער, א.
וואגמאן, י. האלפערין, ה. ווילענבערג,
דזשוליוס האכמאן, מאלי פרידמאן, ל.
רייף, י. פריינד, הערי דארפמאן, ב. ווי-
לענסקי און פ. רייען.

„יוניאן לייבאר לייף אינשורענס קאמפאני" וועט באלד אנפאנגען צו טאן ביזנעס

עס איז שוין געשאפען געווארען
150,000 דאלאר מעהר ווי די אריגינע-
לע קוואטא פון 600,000 דאלאר. די
ביכער זיינען געשלאסען געווארען דעם
21טען פעברואר. נייע סובסקריבשאנס
קומען אריין יעדען טאג, און דער פאר-
לאנג פאר אינשורענס פאליסיס איז
זעהר גרויס.

די פארוואלטונג שטרייבט אן אלע
מעגליכקייטען כדי די אפיסעס זאלען
קענען ערעפנט ווערען ביי דער ערשטער
מעגליכקייט, און עס ווערט ערווארטעט,
דאס ארום דעם 1טען מארטש וועט אלץ
זיין גרייט און די ארבייט וועט זיך גלייך
קענען אנפאנגען.

דער לעצטער מיטינג פון די דירעק-
טארען וואס איז אפגעהאלטען געווארען
אין עקזעקוטיוו קאונסיל צימער פון א.
פ. אוו לייבאר, האט געדויערט 3 טעג.
אויף די זיצונגען איז פארהאנדעלט גע-
ווארען זעהר פיל וויכטיגע ביזנעס.

די פאליסי פארמען זיינען געדרוקט
געווארען אין דער איינפאכסטער שפראך
און זיינען אויך זעהר שעהן פון דעם
ארטיסטישען שטאנדפונקט. די „רייט-
בוקס" זיינען כמעט שוין פארטיג.

עס וועלען איינגעפיהרט ווערען די
מאדערנסטע אפיס איינריכטונגען און די
העדקווארטערס וועט זיין א שטאלץ צו
די אלע יעניגע וועלכע זיינען פאראינ-
טערעסירט אין דיזען גרויסען שריט
פארווערטס פון דער אמעריקאנער אר-
בייטערשאפט.

וועכענטליכער עדיוקיישאנאל קאלענדאר

וואשינגטאן אירווינג היי סקול

16טע סטריט און אירווינג פלייס, רום 530.

שבת, דעם 5טען מארטש

1:30 בייטאג. — ב. דזש. ר. סטאלפער: סאציאלע שטרעמונגען אין ליטערא-
טור. „די אידישע ליטעראטור — א לעבעדיגער חולה".

זונטאג, דעם 6טען מארטש

11:00 אין דער פריה. — דר. ה. דזש. קארמען: „סאציאלע פאקטארען אין דער
אמעריקאנער געשיכטע".

עקסטענשאן אפטיילונג

מעקינלי סקווער גארדען, 1258 באסטאן ראוד, בראנקס

פרייטאג, דעם 4טען מארטש

8:00 אין אווענט. — חיים ליבערמאן: „ליטעראטור און לעבען" — די
געשלעכטס פראגע אין דער ליטעראטור.

הארלעם סאציאליסטישער צענטער

62 איסט 106טע סטריט

8:00 אין אווענט. — א. פיטשאנדלער: „ווי אזוי צו נוצען דעם מוח".
(דאטום וועט אנאנסירט ווערען.)

פילאדעלפיא, פא.

פרייטאג, דעם 4טען מארטש, העדקווארטערס פון לאק. 50, 52 נארד 10טע סט.
7:30 אין אווענט — ענגליש — אלעקס משעמי.
8:30 ראבערט מארלי — ארבייטער פראבלעמען.
מיטוואך, דעם 9טען מארטש, אין 810 לאקוסט סטריט,
8:00 אין אווענט. — ראבערט קערלין: ענגלישע ליטעראטור.

2 מיטינגען פון דזש. באארד פון קלאוק און דרעססמאכער יוניאן

א מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעססמאכער יוניאן איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 18טען פעברואר, אין 3 וועסט 16טע סט.

דער פראטאקאל פון לעצטען מיטינג ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

דער באריכט פון באארד אוו דירעקטארס ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

צושריפטען.

לאקאל 9 מעלדעט דעם באארד, דאס זיי האבען גוטגעהייסען דעם פראטאקאל פון דזשאינט באארד פון דעם 11טען פעברואר, 1927.

לאקאל 82 מעלדעט, דאס זיי האבען גוטגעהייסען די פראטאקאלען פון דזשאינט באארד פון דעם 14טען, 21טען און 28טען יאנואר און דעם 11טען פעברואר, 1927, ווי אויך די באריכטען פון באארד אוו דירעקטארס פון דעם 11טען און 28טען יאנואר, און דעם 7טען פעברואר, 1927.

באריכט פון ציטוווילינען דזשענעראל מענעדזשער.

ברודער אמדור באריכטעט, דאס דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט אויף זיין לעצטען מיטינג באשלאסען צוריקצוציהען די טשארטערס פון די קאמוניסטישע לאקאלס און ארויסגעבען נייע טשארטערס צו די ריארגאניזירטע לאקאלס 2, 9, 22 און 35. עס איז אויך באשלאסען געווארען, אז די אויבענדערמאנטע ריארגאניזירטע לאקאלס זאלען אפהאלטען נאמינײשאנס מאנטאג, דעם 21טען פעברואר, און דער דרעס לאקאל 22, דאנערשטאג, דעם 24טען פעברואר.

ברודער אמדור פאדערט אויף די דעלעגאטען, אז זיי זאלען טאן אלעס אין זייערע מעגליכקייטען צו ווירקען אויף די רעדזשיסטרירטע מעמבערס פון זייערע לאקאלס, אז זיי זאלען באזוכען די מיטינגען און זיך באטייליגען אין די נאמינײשאנס און עלעקשאנס.

ברודער אמדור באריכטעט וויטער, דאס די יוניאן האט ערנסט באטראכט די פראגע פון אינשורענס פאנד. די קאמוניסטען האבען זיך פאראייניגט מיט די באלעבאטים אין א פארשווערונג צו פארניכטען דיזען וויכטיגען פאנד.

ער באריכטעט אויך, דאס דאנערשטאג, דעם 17טען פעברואר, איז אפגעהאלטען געווארען א מיטינג פון אלע רעדזשיסטרירטע שאפ טשערליים אין ארלינגטאן האל, וואו עס איז איינשטימיג באשלאסען געווארען צו געבען דער אינטערנעשאנאל זייער פולסטע קאאפעראציע אין דער קאלעקטירונג פון די צאהלונגען צום אינשורענס פאנד.

ברודער אמדור פאדערט אויף די באאמטע פון דזשאינט באארד צו זעהן, אז די מעמבערס זאלען אויך צאהלען היינט.

דער באריכט ווערט גוטגעהייסען.

באריכט פון באארד אוו דירעקטארס.

קאמיטעס.

די ארבייטער פון דער פירמע טשיקאפסקי, 247 וועסט 35טע סטריט, פארלאנגען דאס די באארד אוו דירעקטארס זאל ווידער באטראכטען זייער באשלוס פון לעצטער וואך ארויסצורופען א סטרייק אין זייער שאפ, כדי צו ריאינסטייטען דעם אפערייטאר, ברודער פאראווער, וועלכער האט געארבייט אין דעם שאפ מיט אכט מאנאטען צוריק.

נאך א לאנגער דיסקוסיע ווערט די פראגע איבערגעגעבען צום אפיס מיט פולמאכט.

מענעדזשערס באריכטען.

מענעדזשער האלפערין באריכטעט, דאס דער אפערייטאר עהרליך פון לאנדסמאן קלאוק קאמפאני, האט געארבייט פאר דער פירמע דריי יאהר. אין פארלויף פון דער צייט איז ער איינינע מאל אויסגעשיקט געווארען אויף דער קלאגע, אז ער מאכט ניט גענוג ארבייט.

די קייס ווערט איבערגעגעבען צו דעם אפיס.

ברודער האלפערין באריכטעט וויטער דאס ער מאכט אלע אנשטרענגונגען צו זעהן, אז די צאהלונגען צום אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד זאל אפגעהיט ווערען. ער ערווארטעט אויך צו רופען עטליכע שאפ סטרייקס איבער אינשורענס און לייבעלס.

ברודער האלפערין'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער נאגלער, מענעדזשער פון דער פראטעקטיוו דיוויזשאן, באריכטעט, דאס דער אינדאסטריאל קאונסיל האט ארויסגעשיקט בריוו צו אלע זייערע מיטגלידער, אז זיי זאלען נוצען דעם סאניטארען לייבעל אויף זייערע גארמענטס. וואס אנבאלאנגט אבער דעם אינשורענס פאנד, באריכטעט ברודער נאגלער, אז די אסאסיאיישאן טוט גארניט אפצוהיטען די צאהלונגען.

פרעזידענט זיגמאן רעדט איבער דער וויכטיגקייט פון דעם אונעמפלאימענט אינשורענס פאנד און פון דעם לייבעל. ער איז מיט דער מיינונג, דאס די יוניאן דארף טאן אלעס אין איהרע כוחות צו זעהן, אז דער פונקט אין אגרימענט וועגען אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד זאל שטרייננג אפגעהיט ווערען.

די באארד אוו דירעקטארען האט באשלאסען צו געבען ערלויבניש צו געוויסע שעפער צו ארבייטען קומענדען שבת. די ערלויבניש וועט בלויז געגעבען ווערען אין ספעציעלע, דרינגליכע פאלען, וואו די שעפער האבען געארבייט אווערטיים און אויב די ארבייטער וועלען קריגען באצאלט פאר שבת ווי פאר אווערטיים.

* *

א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 25טען פעברואר, 1927, אין 3 וו. 16טע סטריט. טשערמאן בר. קוירצמאן.

דער פראטאקאל פון דזשאינט באארד פון דעם 18טען פעברואר ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

דער באריכט פון באארד אוו דירעקטארס פון דעם 22טען פעברואר ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

צושריפטען.

די לאקאלס 10 און 22 האבען גוטגעהייסען די פראטאקאלען פון דעם דזשאינט באארד פון דעם 21טען יאנואר און דעם 11טען פעברואר, ווי אויך דעם באריכט פון באארד אוו דירעקטארס פון דעם 11טען פעברואר 1927.

די פיאניר יוטה אוו אמעריקא לאדעט איין דעם דזשאינט באארד צו א לייבאר קאנפערענץ. די דעלעגאטען סאניא פארבער און ל. פענקין ווערען אפאינטעט צו פארטרעטען דעם דזש. באארד ביי דער קאנפערענץ.

עס ווערען אויך אויפגעפאדערט די לאקאלס צו שיקען פארטרעטער צום דערמאנטען קאנפערענץ.

מענעדזשער'ס באריכט.

ברודער האכמאן, מענעדזשער פון דרעס דעפארטמענט, באריכטעט, דאס זיין אפיס האט ארגאנזירט צו רופען דיסטריקט שאפ-טשערמאן מיטינגען. די ביזנעס איידזשענטס האבען אויך אנגעפאנגען א באוועגונג, דאס די ארבייטער זאלען צאהלען מעהר רעגולאר דיוס, און פיעלע דרעססמאכער האבען שוין דיזע וואך געצאהלט.

ברודער האכמאנ'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

פרעזידענט זיגמאן באריכטעט, דאס ער האט אפגעהאלטען א מיטינג מיט די דיסטריקט-מענעדזשערס און ביזנעס איידזשענטס, און עס טוט איהם לייד, וואס די דעלעגאטען פון דזש. באארד האבען נים געקענט אנוועזענד זיין ביי דעם מיטינג, וואו יעדער באאמטער האט אפגעגעבען א באריכט פון זיין טעטיגקייט אין זיין דיסטריקט, זינט ער איז אריינגעקומען אין אפיס אלס באאמטער.

ער זאגט, דאס דער באריכט פון די באאמטע איז געווען זעהר צופרידענשטעלענד און האט געציינט, דאס לויט דער אונערמידליכער ארבייט פון דיזע באאמטע, וועט די יוניאן אין דער זעהר נאהענטער צוקונפט דערגרייכען די זעלבע שטופע, ווי זי הט זיך געפונען בעפאר די קאמוניסטען האבען אנגעפאנגען זייער קריעג-צוג.

עס איז אמת, אז די ביזנעס-איידזשענטס פון דער יוניאן האבען איצט אויסצושטעהן פיל שוועריגקייטען. דאך טוען זיי אלעס מעגליכעס צו אטענדען צו די טעגליכע קאמפליינטס פון די ארבייטער און ניט צו דערלאזען, דאס די באלעבאטים זאלען פארניכטען די יוניאן-קאנדיציאנען, וועלכע די ארבייטער האבען זיך ערווארבען דורך זייער יוניאן.

ביי דעם מיטינג פון די באאמטע איז באשלאסען געווארען, דאס יעדער ביזנעס-אגענט זאל רופען די טשערלייט פון זיין דיסטריקט צו א מיטינג פאר שבת, דעם 5טען מארטש, כדי צו פארשאפען מעהר נעהנטערע באציהונגען צווישען די טשערלייט און דער יוניאן און אויך צו פאראינטערעסירען די טשערלייט צו ווערען מעהר אקטיוו אין דער יוניאן.

ביי די טשערמען-מיטינגען, ערקלערט פרעזידענט זיגמאן, וועט ערקלערט ווערען די נויטווענדיגקייט פון די ארבייטער צו צאלען דיוס, כדי די יוניאן זאל האבען א מעגליכקייט צו אטענדען ריכטיג צו די קאמפליינטס פון די ארבייטער און אויך ארגאניזירען די ניט-יוניאן-שעפער, וועלכע זיינען באשאפען געווארען דורך דער קרימינאלער נאכלעסיגקייט פון די געוועזענע פיהרער פון דעם דזשאינט באארד.

ברודער זיגמאן ערקלערט, דאס עס איז די פליכט פון יעדען דזש. באארד דעלעגאט און אקטיוון מעמבער פון דער יוניאן צו העלפען דורכפיהרען דעם באשלוס פון די ביזנעס-אגענטען.

פרעזידענט זיגמאן ערקלערט וויטער, דאס איינינע מאנופעקטשורערס נוצען אויס די איצטיגע לאגע אין דער יוניאן און טרייען צו פארניכטען די יוניאן-קאנדיציאנען אין די שעפער. עס צייגט זיך אויך ארויס, דאס געוויסע באסעס האבען פונקט ווי די קאמוניסטען אנגעפאנגען צו סאבאטאזשעווען דעם אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד, כאטש דאס איז א פונקט פון דעם אגרימענט.

ברודער זיגמאן באריכטעט אויך, אז עס איז פארגעקומען נאמינאציעס פאר באאמטע אין די לאקאלען 2, 9, 22 און 35, אין וועלכע א צופרידענשטעלענדע גרויסע צאל מעמבערס האבען זיך באטייליגט, און נאך אינגיכען וועלען פארקומען וואהלען. נאכדעם וועלען די לאקאלען פונקציאנירען רעגולאר.

ברודער זיגמאנ'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

באריכט פון באארד אוו דירעקטארס.

ק א מ י ט ע ס.

א קאמיטע פון דער פירמע „בעלל קלאוק קאמפאני" אינפארמירט דעם באארד, דאס זייער פירמע שיקט ארויס ארבייט אין ניט-יוניאן שעפער, און די אינסייד-ארבייטער געהען אום ליידיג. די באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל האבען געמאכט אן אונטערזוכונג, אבער דער בעל-הבית האט פארזיכערט די באאמטע, ווי אויך דעם קלויוק פון אינדאסטריעל קאונסיל, דאס קיין איין גארמענט ווערט ניט ארויסגעשיקט אין קיין אנדער שאפ.

די ארבייטער פון שאפ זיינען אבער זיכער, אז עס ווערט יא ארויסגעשיקט ארבייט. זיי פארדעכטיגען אויך געוויסע פרעסערס, אז זיי העלפען דער פירמע אין דיזער מיסהאנדלונג געגען יוניאן-באדינגונגען. זיי באקלאגען זיך אויך, דאס די פרעסערס ארבייטען פון שטיק און באגעהען זיך בכלל ניט ריכטיג געגען די אנדערע ארבייטער.

ביזנעס-אגענט אינגולי, וועלכער איז געווען צוזאמען מיט דער קאמיטע, גיט איבער, אז אלץ, וואס די קאמיטע זאגט, איז אמת.

די באארד אוו דירעקטארס באשליסט, דאס די פרעסערס, געגען וועלכע די קלאגען ווערען געמאכט, מוזען פארלאזען דעם שאפ.

מענעדזשער'ס באריכט.

ברודער גאלדבערג באריכטעט פאר דעם בראנזוויל אפיס, דאס די יוניאן-שעפער זיינען אונטער דעם פולען קאנטראל פון דער יוניאן. וואס אנבאלאנגט די ניט-יוניאן שעפער, ערקלערט ברודער גאלדבערג, אז די ארגאניזאציאנס-קאמיטע וועט איהם דארפען העלפען אין דער ארבייט פון ארגאניזירען זיי.

דער פארלאנג פון ברודער גאלדבערג ווערט איבערגעגעבען צום דזשענעראל-מענעדזשער.

ברוקלין אפיס.

בר. טשיארטשארא, מענעדזשער פון ברוקלין אפיס, באריכטעט, דאס קיין איין שאפ פון די 80 יוניאן-שעפער האט נאך ניט געמאכט קיין פולע וואך ארבייט.

מען האט פארדעכטיגט, אז די ארבייטער פון דער פירמע פעלל און שאר ארבייטען פון שטיק. א ביזנעס-איידזשענט האט די ארבייטער גערופען צו א מיטינג, אבער זיי האבען זיך אנטזאגט צו קומען. א קאמיטע פון דער ארגאניזאציאנס-קאמיטע האט דאן אפגעשטעלט דעם שאפ און דער אפיס איז געקומען צו א פארשטענדיגונג מיט די ארבייטער, דאס יעדער פון זיי מוז איינצאלען די סומע פון 25 דאלאר צו דער יוניאן אלס א דעפאזיט ביז וואנען עס וועט געמאכט ווערען א פאלקאמע אונטערזוכונג פון דער פירמע'ס ביכער.

הארלעם אפיס.

ברודער מאריסאנדרא גיט איבער דעם פאלגענדען באריכט פון דער טעטיגקייט פון הארלעמער אפיס פון דעם 7טען פעברואר ביז היינט צו טאג.

דער אפיס האט אטענדעט צו 105 קאמפליינטס, וועלכע זיינען קלאסיפיצירט, ווי פאלגט: 44 קאנטראלס, 46 אפען שאפס, 6 לייבעל-קאמפליינטס, 1 דיסטשארדזש, פינף אינשורענס-קאמפליינטס און 3 פארשידענע קאמפליינטס.

דער אפיס האט אויפגענומען אלע לייבעל-קאמפליינטס מיט די יוניאן-שעפער, און זיי האבען פארשפראכען צו קויפען לייבעלס די היינטיגע וואך. עס זיינען אויך אויפגענומען געווארען אלע אינשורענס-קאמפליינטס און כמעט אלע פירמעס האבען צוגעזאגט איינצוצאלען די אינשורענס.

די לאגע אין דער קלאוק-אינדוסטריע אין דעם הארלעם און בראנקס דיסטריקט איז אויסגעצייכענט, און אלע האבען זיך רעדזשיסטרירט מיט דער אינטערנעשאנאל.

דער אפיס האט געמאכט א גרינטליכע אונטערזוכונג פון די ניט-יוניאן שעפער און האט אויסגעפונען, דאס א גרויסע צאל שעפער זיינען ארויס פון ביזנעס. די וויכטיגערע שעפער קריגען די בעסטע אויפמערקזאמקייט און וועלען ארגאניזירט ווערען ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט.

פון דרעס דעפארטמענט.

ברודער האכמאן, מענעדזשער פון דרעס-דעפארטמענט, גיט איבער, דאס די קאמוניסטען האבען גערופען סטרייקס אין ארום 12 דרעס-שעפער, כאטש אלע ארבייטער פון די שעפער האבען זיך רעדזשיסטרירט מיט דער אינטערנעשאנאל.

ס'איז געלונגען דעם דרעס-דעפארטמענט צו ארגאניזירען 9 ניט-יוניאן שעפער. ביז לעצטען שבת האבען זיך 4607 מעמבערס פון לאקאל 22 רעדזשיסטרירט מיט דער אינטערנעשאנאל.

די ביזנעס-איידזשענטס זיינען אינסטרואירט געווארען צו זעהן, אז דער יוניאן-לייבעל זאל אנגענייט ווערען אויף יעדער דרעס, און דאס די ארבייטער זאלען אנפאנגען צאלען דיוס מעהר רעגולאר.

דער דרעס-דעפארטמענט האט אויך געמאכט ארענדזשמענטס צו רופען דיסטריקט שאפ-מיטינגען אזוי שנעל, ווי די נאמינײשאנס פאר לאקאלע באאמטע וועלען זיך ענדיגען.

ברודער האכמאן איז מיט דער מיינונג, דאס די איצטיגע אומשטענדען זיינען זעהר ערמוטיגענד.

די באריכטען פון די מענעדזשערס ווערען גוטגעהייסען.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

מ. שעהנפעלד,
ציטוווילינער סעק-עטאר.

דר. דוד לוואוויטש אנגעקומען קיין אמעריקא

דר. דוד לוואוויטש, בארימטער רוסיש-אידישער אינזשעניר און דירעקטאר פון דער קאאפעראטיווער געצייג קאמפאניע פון בערלין, איז געקומען מיט דער שיף „אקוויטאניא" קיין ניו יארק אין די אינטערעסען פון דעם „ארט".

דר. לוואוויטש האט שוין איין מאל באזוכט אמעריקא אין 1925, ווען ער האט געהאלפען ארגאניזירען דא דעם „ארט" רעקאנסטראקציאנס-פאנד און אנגעפיהרט א גרויסע אגיטאציע פאר דער ווידעראויפבויאונג פון די רואינירטע אידישע באפעלקערונגען אין צענטראל און מזרח-אייראפא.

אין 1917 איז דר. לוואוויטש ערוועהלט געווארען אלס מיטגליד פון דער קאנסטיטואירענדער פארזאמלונג אין רוסלאנד, און אין 1919 האט ער צוזאמען מיט דר. לעאן בראמסאן, ציטוווילינער פרעזידענט פון דעם „ארט"-פארבאנד, באזוכט די הויפט-שטעדט פון מערב-אייראפא און דארט געגרינדעט בראנטשעס פון דער „ארט"-געזעלשאפט. ער איז אן עקספערט אין אויסארבייטען פלענער פאר אגריקולטורעלע אונטערנעהמונגען און איז זעהר בארימט אלס כעמישער אינזשענער.

דער הויפט צוועק פון דר. לוואוויטש'ס באזוך אין אמעריקא איז צו העלפען דעם אמעריקאנער „ארט" אין זיין איצטיגער ארבייט צו שאפען פארבינדונגען צווישען מזרח-אייראפעאישע אידען און זייערע קרובים אין אמעריקא, אזוי אז די געלד-שטיצע, וואס ווערט פון צייט צו צייט געשיקט פון דאנען זאל פארוואנדעלט ווערען אין א סיסטעם פון קאנסטרוקטיווער הילף פון קרובים פאר קרובים, דורכדעם וואס מען זאל פארזעהן די ארעמע אידישע ארבייטער אין פוילען, רוסלאנד און ליטא.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President; A. BAROFF, Sec'y-Treas.
L. FINKELSTEIN, Acting Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IX. No. 9. — Friday, March 4, 1297
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

גליק

(ערצעהלונג פון רוסיש)

פון מאקסים גארקי.

...אמאל איז דאס גליק געווען אזוי נאהענט פון מיר, אז איך בין שיער נישט אריינגעפאלען אין זיינע ווייכע לאפעס.

דאס האט זיך געטראפען בעת א שפאציר; א חברה יונגע בחורים און מיידלעך האבען זיך פארזאמעלט אין א דושנע זומער נאכט אויף די לאנקעס, ביי די פישערס אויף דער וואלגא. מ'האט געשמאק געגעסען בולקעס, געטונקען אין פיש־יויך, וואס איז צוגעגרייט געווארען דורך די פישערס, און זיצענדיג ביים פייער האט מען געטרונקען בראנפען און ביער. מ'האט זיך געשפארט, ווי אזוי איבערצובויען בעסער און גיכער די וועלט. דערנאך, מיד ווערענדיג, אי פיזיש, אי גייסטיג, האט זיך דאס יונגוואַרג צעשפרייט איבער דער געשניטענער לאנקע, ווי איינעם האט זיך נאר פארגלוסט.

איך האב מיך דערווייטערט פון פייער צוזאמען מיט א מיידעל, וועלכע האט זיך מיר אויסגעוויזען צו זיין א קלוגע און א צארטע. זי האט געהאט שעהנע, טונקעלע אויגען, אין איהרע רייד האט אלע מאל געקלונגען א פשוט'ער, פארשטענדליכער אמת. דאס דאזיגע מיידעל האט געקוקט אויף אלע מענשען מיט א לאשטשענדיקען בליק.

מיר זיינען געגאנגען שטיל, ארעם ביי ארעם; אונטער אונזערע פיס האבען, ברעכענדיג זיך, געסקריפעט בינטלעך היי, אפגעשניטענע דורך דער קאסע; פון דער קרישטאלענער הימעל־שאל, וועלכע איז געווען צעשפרייט איבער דער ערד, האט זיך געגאסען א פאר'שיכור'ענדיגע פייכקייט פון לבנה־ליכט.

דאס מיידעל האט טיף אפגעזיפצט און גערעדט:

— ווי שעהן. אזוי ווי אן אפריקאנישע וויסטעניש, און די הויפענס היי, — פיראמידען, און ווי חיים...

דערנאך האט זי מיר פארגעלייגט אנידערצוזעצען זיך אונטער א היי־סטערטע, וואו עס האט געהערשט געדיכטע טונקעלקייט. גרילען האבען געגרילצט, אין דער ווייטען האט עמיץ אומעטיג געוויינט:

„עך, פארוואס האסטו מיך פארראטען!”

איך האב מיט גרויס ברען אנגעהויבען צו דערצעהלען דעם מיידעל וועגען לעבען, וואס איז מיר באקאנט געווען, וועגען דעם וואס כ'האב נישט פארשטאנען, און — פלוצלינג האט זי ארויסגעלאזען א שטיל געשריי און געפאלען אויף די פלייצעס.

דאס איז, דאכט זיך, געווען דער ערשטער פאל פון חלשות, וועלכען איך האב געזעהן פאר מיינע אויגען. א ווײַלע האב איך מיך ווי פארלוירען, געוואלט שרייען, רופען נאך הילף, באלד אבער האב איך מיך דערמאנט, וואס עס טוען אין אזעלכע פאלען פיין־דערצויגענע ראמאנען־העלדען, וואס זיינען מיר אזוי גוט באקאנט געווען — און איך האב אויפגעקנעפעלט איהר קלייד, בלויז אין די בענדלעך פון איהר טאליע.

אז איך האב דערזעהן איהרע בריסטען, — צוויי קליינע זילבערנע בעכערס, פול מיט לבנה־ליכט, וואס זיינען אראפגעהאנגען איבער'ן הארץ — האב איך געפיהלט, ווי דאס בלוט האט מיר אזש א שלאג געטאן אין קאפ אריין און ס'האט מיך אנגעכאפט א גלוסטונג זי צו קושען. אבער איינהאלטענדיג דעם דאזיגען באגעהר, האב איך ווי פייל פון בויגען זיך געווארפען צום טייך נאך וואסער, ווייל — ווי עס שטעהט געשריבען אין די ראמאנען — פלעגען די העלדען אלע מאל, אין אזעלכע פאלען, לויפען נאך וואסער, אויב אויפ'ן ארט פון דער קאטאסטראפע איז נישט געפלאסען קיין טייכעל, וואס איז פון פריהער אנגעגרייט געווארען דורכ'ן מחבר פון ראמאן.

און ווען איך האב מיך צוריקגעקעהרט, שפרינגענדיג איבער דער לאנקע, אזוי ווי א צעווילדעוועטער פערד, האלטענדיג אין האנט דעם הוט פול מיט וואסער — איז די קראנקע געשטאנען, אנגעשפארענדיג זיך אינ'ם היי, אין פאלשטענדיגער ארדענונג, צורעכט־מאכענדיג דעם טואלעט, וועלכער איז צעשטערט געווארען דורך מיר.

— מ'דארף נישט, — האט זי געזאגט א מידע און שטילע, אוועקמאכענדיג מיט דער האנט מיין נאסען הוט...

און זי איז אוועק פון מיר צום פייער, וואו צוויי סטודענטען האבען שוין אויפגעהער געזונגען דאס רירענדיגע ליד:

„עך, פארוואס האסטו מיך פארראטען!”

— צי האב איך איך עפעס שלעכטס געטאן? — האב איך געפרעגט א דערשלאגענער, ביים שווינדעלדיגען מיידעל.

זי האט קורץ געענטפערט:

— גיין, איהר זענט נישט איבעריג רירעוודיג, פונדעסטוועגען — נאטירליך — כ'דאנק אייך...

מיר איז געווען טרויעריג אויפ'ן הארצען, ס'האט זיך מיר געדאכט אז זי האט מיר נישט אויפריכטיג געדאנקט.

* * *

איך פלעג זי פריהער אויך זעלטען טרעפען, אבער נאך יענעם פאל האבען מיר זיך גאנץ זעלטען געזעהן. ענדליך איז זי אינגאנצען פארשוואונדען פון שטאדט, און ערשט נאך פיר יאהר האב איך זי דערזעהן אויף א דאמפפער.

זי איז געפאהרען פון א דארף ביי דער וואלגא, וואו זי האט געוואוינט אויף א זומער וואוינונג, צום מאן, וואס איז געווען אין שטאדט. זי איז געווען אין אנדערע אומשטענדען, זעהר עלעגאנט און שעהן געקליידעט.

פון האלז איז איהר אראפגעהאנגען א לאנגע גאלדענע קייט און א גרויסע בראשע, עהנליך צו אן ארדער. זי איז א סך שעהנער און פולער געווארען, און איז געווען עהנליך צו א לאגעל גוטען קאווקאזער וויין, וועלכען די פרעהליכע גרוזינער פארקויפען אויף די הייסע מארקפלעצער פון טיפליס.

— אט — האט זי זיך אנגערופען, בעת מיר האבען זיך פריינדליך פאנאנדערגערעדט, דערמאנענדיג דאס אמאליגע — אט האב איך חתונה געהאט, און אלץ...

ס'איז געווען אוונט־צייט, אויפ'ן טייך האט געפינקעלט דער אפשיין פון דער פארגעהענדיגער זון; דער שוים פון דאמפפער איז געשוואומען אין דער בלויער ווייטקייט פון צפון, מיט א ברייטען פאס פון רויטע שפיצען.

— איך האב שוין צוויי קינדער, איך ריכט זיך אויף א דריטען, — האט זי גערעדט מיט א שטאלצען טאן פון א מייסטער, וועלכער האט ליב זיין ארבייט.

אויף איהרע קני איז געלעגען א בייטעלע מיט טייטלען און פאמעראנצען, איינגעוויקעלט אין א געל פאפירעל.

— זאגען אייך? — האט זי געפרעגט, שמייכלענדיג צארט מיט די טונקעלע אויגען, — ווען איהר וואלט דערמאלט, ביים היי, — איהר געדענקט, — אויב איהר וואלט געווען דרייסטער... נו, — ווען איהר וואלט מיך געווען געקושט... וואלט איך געווען אייער פרוי... איך בין דאך אייך געפעלען געווארען. מאדנער מענש, געלאפען נאך וואסער.. עך, איהר...

איך האב איהר דערצעהלט, אז כ'האב מיך געפיהרט, אזוי ווי ס'שטעהט געשריבען אין די ביכער, און אז — לויט דעם געשריבענעם, וואס איז געווען הייליג ביי מיר אין יענער צייט — דארף מען צוערשט באשפריצען דאס פאר'חלש'טע מיידעל מיט וואסער, און קושען זי קען מען ערשט דאמאלס, ווען זי וועט, עפענענדיג די אויגען, אויסרופען:

— אך, וואו בין איך?

זי האט אביסעל געלאכט און דערנאך א פארקלערטע געזאגט:

— אט פון וואנען ס'נעמט זיך אונזער אומגליק, דערפאר וואס מיר ווילען לעבען אזוי ווי ס'שטעהט געשריבען... דאס לעבען איז ברייטער, קלוגער פון ביכער, האר מיינער... דאס לעבען איז אינגאנצען נישט עהנליך צו די ביכער... יא....

ארויסנעמענדיג פון בייטעלע א פאמעראנץ, האט זי איהם אויפמערקזאם באטראכט און פארקנייטשענדיג דעם שטערען געזאגט:

— א מגושל אזא, ארייגעלעגט מיר א פארפוילטען..

מיט אן אומגעשיקטען זשעסט האט זי ארויסגעווארפען דעם פאמעראנץ איבער'ן ראנד פון שיף, — איך האב געזעהן, ווי ער האט זיך א קוילער געטאן און איז פארשוואונדען אין רויטען שוים.

— נו, און איצטער — וואס? איהר פיהרט זיך נאך אלץ אזוי, ווי ס'שטעהט אין בוך?

איך האב איהר נישט געענטפערט. פארשענדיג מיט מיין בליק דאס זאמד אויפ'ן ברעג, וואס איז געווען באפארבט מיט'ן זון־אונטערגאנג, — אויף די פוסט־רויט־געגליהטע לאנקעס.

אויסגעקעהרטע שיפלאך האבען זיך געוואלגערט אויף דעם ברעג, ווי גרויסע טויטע פיש. אויפ'ן גאלדענעם זאמד האבען זיך געשארט שאטענס פון טרויעריקע ווערבעס, פון דערווייטענס האט מען געזעהן הויכע סטערטעס היי און איך האב מיך דערמאנט איהר פארגלייך:

— אזוי ווי אן אפריקאנישע וויסטעניש, און די סטערטעס — ווי פיראמידען.

אפשיילענדיג א צווייטען פאמעראנץ, האט די פרוי איבער'געחזר'ט מיט א טאן פון אן עלטערער שוועסטער און אזוי ווי זי וואלט מיר באפוילען:

— יא, איך וואלט געקאנט זיין אייער פרוי.

— כ'דאנק אייך, — האב איך געענטפערט, — כ'דאנק אייך.

איך האב איהר געדאנקט אויפריכטיג, פון גאנצען הארצען.

אידיש: מ. האלצבלאט.

ארבייט פאר א נייע קאמפאני.

ערשטער ארבייטער (אין יוניאן אפיס): וואס הערט זיך? דו ארבייטסט שוין סעם?

צווייטער ארבייטער: יעס!

ערשטער ארבייטער: פאר וועמען ארבייטסטו?

צווייטער ארבייטער: פאר א נייער קאמפאני.

ערשטער ארבייטער: ווער איז די נייע קאמפאניע פאר וועמען דו ארבייטסט?

צווייטער ארבייטער: פאר מיין באס, זיין ווייב און זיין געליבטע!...

סעם האכמאן.

„טהעאטער גילד“ גיט סובסקריפשאנס צו אונזערע מעמבערס צו רעדוצירטע פרייזען.

דער אפער איז גוט ביז דעם 10טען מארטש.

מיר ווילען דערמאנען אונזערע מיטגלידער, דאס אויף דער בקשה פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט די מענעדזשמענט פון „טעאטער גילד“ באשלאסען צו פארלענגערען די צייט פון דעם ספעציעלען ארבייטער סובסקריבשאן אפער ביז דאנערשטאג, דעם 10טען מארטש. די סובסקריבשאן בארעכטיגט אונזערע מיטגלידער צו זעהן די פינף אויפפיהרונגען פון דער „גילד“ פאר בלויז 5 דאלאר, דאס הייסט 1 דאלאר פאר א 2.20 דאלאר באלקאני סיט.

די סובסקרייבערס וועלען זיין בארעכטיגט צו זעהן די פאלגענדע פיר דראמען, וועלכע ווערען איצט אויפגעפיהרט, ווי אויך נאך א פיעסע, וואס זיי דארפען ערשט אויפפיהרען: „די סילווער קארד“, „פיגמאליאן“, „נעד מעקקאבס דאכטער“ און „די ברידער קאראמאזאוו“. אויסער דעם וועלען די סובסקרייבערס זיין בארעכטיגט צו רעדוצירטע רייטס צו דער ראטשעסטער אפערא קאמפאני, וועלכע וועט קירצליך קומען קיין ניו יארק. פרייז טיקעטס צו לעקטשורס, א סובסקריבשאן צו דעם „טעאטער גילד קווארטערלי“, און דעם ערשטען אויסוואהל פאר א באנייטער סובסקריבשאן פאר פלעצער פאר'ן קומענדען יאהר.

דיזער אפער איז גוט ביז דעם 10טען מארטש, און מיר ראטען אונזערע מיטגלידער צו אויסנוצען דיזע אויסגעצייכענטע געלעגענהייט. אויב איהר האט שוין געזעהן איינע אדער מעהר פון די פיעסען, וועט איהר קאנען מאכען א רעדוקציע פון 1 דאלאר פאר יעדערער בעת איהר וועט אריינשיקען אייער טשעק.

דאס גיט אייך די אויסגעצייכענטע מעגליכקייט צו זעהן די בעסטע אויפפיהרונג אויף דער ענגלישער ביהנע פאר די ביליגסטע פרייזען. מיר פאדערען אויף אונזערע מעמבערס צו ווערען סובסקרייבערס וואס שנעלער, דאס וועט באאיינפלוסען די מענעדזשמענט, אז זיי זאלען אויך קומענדען סיזאן מאכען דיזען ספעציעלען אפער.

סובסקריבשאן בלענקס קען מען באקומען אין אפיס פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט.

סאציאלע פאקטארען אין דער אמעריקאנער געשיכטע

דר. ה. דזש. קארמען האט אנגעפאנגען זיין קורס איבער „סאציאלע פאקטארען אין דער אמעריקאנער געשיכטע“, וואס ווערט געגעבען אין אונזער ארבייטער אוניווערסיטעט, וואשינגטאן אירווינג הײַ סקול, רום 530, יעדען זונטאג, 11 אזייגער אין דער פריה.

דיזער קורס איז אן אויסערגעוויינליך אינטערעסאנטער און איז פון גרויס בילדונגס־ווערט פאר אלע אונזערע מיטגלידער. מיר דארפען זיכער נים אונטערשטרייכען די וויכטיגקייט פאר ארבייטער צו שטודירען די סאציאלע פאקטארען אין זייער איינען לאנד וואו זיי וואוינען אלס בירגער און ארבייטער.

נייע סטודענטען קענען זיך נאך אנשליסען אן דיזען קורס.

ניט מעהר ווי אויף שפאס

(א נאך דער חתונה דיאלאג.)

פון מרים קארפילאוו

צו „ברעקפעסט“.

ער: טו א קוק וואו ס'האלט דער זייגער, איז שוין צייט צו לויפען שלאפען?

זי: ס'פארדריסט מיך זעהר, חיים איטשע — —

ער: וואס פארדריסט דיך, ד ו קענסט שלאפען!

זי: איך וואלט ליבערשט געהן אין שאפ.

ער: מאכע? מיינסט עס? וואסזשע געהסטו נים?

זי: ווער וואלט דאן די הויז אפטענדען?

ער: טענדען, שמענדען, פוילע תרוצים!

זי: ווילסטו — סטאפ א האלבען טאג חיינם.

ער: מאכע? כ'דאנק דיר! וועסט באצאהלען די ווידזשעס?

זי: הלוואי קען איך דאס אפארען.

ער: נו, הער נאר אויף פאר מיר צו זארגען.

זי: כ'וועל קיין קברים נים געהן רייסען.

ער: בעסער מאך מיר איצט אנבייסען.

צו סאפער.

זי: אה, ביזט געקומען! סט'זיך פארשפעטיגט.

ער: קוים מיט צרות היינט דערפאהרען.

זי: ווידער שוין די שולד פון סאבוויי?

ער: זי פארקירצט מיר מיינע יאהרען!

זי: איעדער פאהרט און בלייבט דאך לעבען.

ער: כ'קען פאר יעדערן נים זארגען.

זי: דאס איז די צרה, „יעדער פאר זיך“.

ער: צרה, שמארע, — גיב מיר סאפער.

זי: פרעגסט זיך נאר נים אויף דער בייבי.

ער: וואס איז דא פאראן צו פרעגען?

זי: ס'האט א הוסט מיט היץ געקראגען.

ער: וועסט שוין רופען באלד דעם דאקטאר.

זי: שוין גערופען. ער'ז דא געוועזען.

ער: שוין געוועזען? וואס זשע זאגט ער?

זי: מ'זאל איהם מארגען ווייטער רופען...

ער: בעסער נים. איצט גיב מיר עסען.

זי: קענסט אן עסען נים פארגעסען.

ער: גרייט מיר אויך צו אויף מארגען וואס מיט־זיך אין שאפ צו נעהמען.

זי: מיט־זיך ווידער. דאס שלעפען, טראגען —

ער: בעסער ווי אין רעסטאראנען, געהן זיך פאטערען דעם מאגען.

זי: כ'וואלט וועלען ארייננעהן זעהן א מואווי...

ער: קענסט מיט מיר אין הויז נים זיצען?

זי: כ'האב די הויז א גאנצען טאג דא.

ער: ס'בעסער ווי אין שאפ צו שוויצען.

זי: ס'איז דיר שווער מיט מיר זיך צו שיידען?

ער: לאמיר בעסער פון עפעס אנדערש ריידען...

זי: האסט מיך געהאלטען אין איין בלאפען!

ער: אט אזוי איז שוין דאס לעבען.

זי: ס'וועט אבער אלץ ווערען בעסער, לאמיר האפען.

ער: בעסער, ערגער, — קום שוין שלאפען!

ווי די קאמוניסטען רייסען איבערגעוואלד געלט כדי אויפצוהאלטען זייער קרעמעל

פון יצחק פיינשטיין.

פאר־א־יאהרען ווינטער, ווען מ'האט געדארפט דורכפיהרען דעם 20 דאלאר־דיגען טעקס־רעפערענדום, זיינען מיר, די „לינקע ביזנעס־אײדזשענטס" אין א געוויסען פרייטאג אבענד גערופען געווארען אין דער קאמוניסטישער הויפט־קווארטיר, 108 איסט 14טע סט. צו וואס מען רופט אונז עפעס פלוצלונג אין די קאמוניסטישע הויפט־קווארטיר, און נאך אזוי שפעט אין אבענד, האב איך קיין באגריעף ניט געהאט, און איך דענק ,אז די איבעריגע האבען אויך ניט געוואוסט, וואס מען וויל דארטען פון אונז. נו, געוויס וועט מען זעהר וויכטיגעס פארהאנדלען, וואס נאר מיר, די אויסערוועהלטע, האבען די זכיה אנטייל צו נעהמען. אזוי האב איך זיך געטראכט, און בין אהין געגאנגען.

נאכדעם ווי מיר האבען זיך געלאנגווײלינט ארום א שטונדע צייט, איז ענדליך אריינגעקומען די „טריניטי", די דריי־אײניגקייט: זימערמאן, ווארטיס און בארקאוויטש. און ווארטיס האט געעפענט דעם מיטינג בזה הלשון:

„אזוי ווי מיר האבען איינגיבען א רעפערענדום פאר'ן 20-דאלארדיגען טעקס,מוזען מיר שאפען א שטימונג, כדי די קלאוק און דרעסמאכער זאלען אין גרויסע מאסען שטימען פאר דעם טעקס, האבען מיר באשלאסען, אז די ביזנעס־אײדזשענטס זאלען געבען א וואך וויידזשעס פאר דעם טעקס און מיר זאלען אליין זיין גרייט דערצו, ווען מיר וועלען דאס אויפנעהמען ביי אן אפיציעלען ביזנעס־אײדזשענטס סטעף מיטינג, וואו מיר וועלען דאס זיכער דורכפיהרען. דאן וועלען מיר דאס פארעפענטליכען אין דער פרעסע. דאס וועט געוויס העלפען מאכען דעם רעפערענדום א סוקסעס".

און כאטש צו מיר האט עס ניט שטארק אפעלירט, ווייל דאס שמעקט עפעס צו פיעל מיט פילאנטראפיע, די יוניאן זאל זיך באנוצען מיט די ביזנעס אײדזשענטס פילאנטראפיע איז ניט ראטזאם, ווייל עס קען נאך ווירקען פארקעהרט — די ארבייטער קאנען נאך האבען פארדאכט, ווען באצאהלטע באאמטע ווערען פלוצלונג אזוי גוט, דאך האב איך איינגעשטימט אויף דעם. איך בין געווען שטארק פאראינטערעסירט, אז די מיטגלידער פון אונזער יוניאן זאלען קומען אין מאסען און שטימען פאר דעם טעקס. אז אלע דענקען, אז דאס אי א גוטער מיטעל, גיב איך זיך אויך אונטער דעם באשלוס. און אזוי איז עס געבליבען.

זיינען מיר אלע געווען גרייט צו געבען א וואך וויידזשעס צו דער יוניאן פאר דעם טעקס, און מיר האבען געווארט אויף דעם אפיציעלען סטעף־מיטינג, וואס מ'האט געדארפט פאררופען פאר דעם צוועק. אבער ס'איז אוועק עטליכע וואכען און מען דערמאנט אונז נאר ניט וועגען דעם.

נאר אט קריג איך דורך א לעטער אן איינלאדונג — איך ווער פארבעטען מיט גרויס כבוד, אלס א באאמטער פון דער קלאוקמאכער יוניאן, צו א באנקעט אין משה נאדיר'ס רעסטאראן.

איך בין ביים באנקעט ניט געווען, ווייל איך האב צוליעב פאמיליען־אורזאכען געמוזט בלייבען אין הויז.

אבער כאטש איך בין ניט אנוועזענד געווען ביים באנקעט, האט עס פונדעסטוועגען מיר געקאסט א שעהנע מטבעה. און דא קומט דאס אינטערעסאנטסטע: אויף מארגען איז געווען אנאנסירט אין דער קאמוניסטישער בלעטעל וועגען דעם געוואלדיגען סוקסעס פון'ם באנקעט, און אז אויף דעם פארשלאג פון „כאווער" עליאס מארקס איז דארט איינשטימיג באשלאסען געווארען, אז אלע ביזנעס־אײדזשענטס פון דער קלאוקמאכער יוניאן דארפען געבען א וואך וויידזשעס פאר דער „פרייהייט".

איך האב זיך געוואונדערט, וואס פאר א חכמה איז דאס עפעס צו באשליסען אזעלכע זאכען! שוין ניט זאגענדיג, אז מ'האט קיין שום רעכט ניט געהאט דערצו, ווייל דאס מיינט דאך ארויסקומען אפען פאר'ן עולם און זאגען, אז די „פרייהייט" איז דער באס איבער דער קלאוקמאכער יוניאן.

איך מוז דא באמערקען, אז איך בין דאן נאך געווען א שטארקער אנהענגער פון דער „פרייהייט". און איך האב שוין דאן פיעלע מאל בייגעשטייערט צו דער צייטונג, אבער דער באשלוס פון דעם באנקעט האט אויף מיר געמאכט א שלעכטע ווירקונג. עס האט געשמעקט מיט ארצאה.

ווי עס ווייזט אויס, האבען די מעהרסטע פון די ביזנעס־אײדזשענטס ניט געהאט קיין צו גרויסען חשק אוועקצוגעבען 52 דאלאר צו דער „פרייהייט".

עטליכע וואכען נאך דעם פראלעטארישען באנקעט האט מען אונז אלע „לינקע" באצאהלטע באאמטע פון דעם דרעס דעפארטמענט גערופען. א פרייטאג נאך דינער, צו א מיטינג אין 16 וועסט 21טע סטריט, אין דער עקזעקוטיוו רום פון לאקאל 22. ווארטענדיג אונטען ביז די גדולים וועלען קומען, האבען די צוויי ביזנעס אײדזשענטס — מיללער, פון לאקאל 35, און גאלדשטיין פון לאקאל 22, מיר ערקלערט, אז דער צוועק פון דעם מיטינג איז איינצונעהמען פון אונז די וואך וויידזשעס פאר דער „פרייהייט", און ביידע האבען געזאגט, אז אזא סומע פון אזעלכע קבצנים, ווי מיר זיינען, איז צופיעל. גאלדשטיין האט געזאגט פאלגענדעס: „פיינשטיין, מען נעהמט אונז פארציען די פעטליע". און ער איז טאקע געווען שטארק אומרוהיג וועגען דעם.

זימערמאן איז געווען טשערמאן פון מיטינג. עס זיינען געקומען צוויי פארשטעהער פון דער „פרייהייט". זייערע נעמען געדענק איך ניט אויף זיכער דאכט זיך, אז עפשטיין און קאסטרעל. זיי האבען ביידע געמאכט שטארקע אפיעלס צו אונז, אז מיר זאלען זיך ניט צוריקהאלטען פון געבען די וואך וויידזשעס פאר דער „פרייהייט". די „פרייהייט", האבען זיי ערקלערט, איז אין א זעהר שלעכטע לאגע פינאנציעל. יעדע וואך איז דא א דעפיציט פון 15-16 הונדערט דאלאר. אט זיינען זייערע אייגענע ווערטער: „אייער מענעדזשער וויסט עס גאנץ גוט, ער איז דאך דער טרעזשורער. און דא קומט נאך אן דער זומער, די צייט וואס איז אין אלגעמיין ניט גינסטיג פאר א צייטונג. לעצטען זומער איז געווען א קאמף, א דזשאינט עקשאן קאמיטע, האט עס אונז זעהר פיעל געהאלפען פינאנציעל, אבער יעצט, דעם זומער, זעהען מיר ניט קיין אנדער הילף ווי א גרויסען קאמפײן־פאנד. און איהר, די באאמטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן, ווייסט וואס די „פרייהייט" האט אויפגעטאן פאר אייך".

אט דער אפיעל האט אויף מיר געמאכט א שלעכטען איינדרוק, און וואס איז געווען דער ערשטער געגען־געפיהל מיינער צו דער קאמוניסטישער צייטונג, און אנשטאט מיטצופיהלען מיט דער „פרייהייט" אין איהר שלעכטער לאגע, האב איך גאר אנגעפאנגען צווייפלען אין דער בארעכטיגונג פון דער עקזיסטענץ פון דער „פרייהייט". פון דעם שטאנדפונקט פון א יוניאן־מאן האב איך דאס באטראכט. ווייל אויב א צייטונג קען בלויז עקזיסטירען אויף די אינגעריבע קריגערייען פון די אידישע יוניאנס, ווי די פארשטעהער פון דער „פרייהייט" האבען עס אזוי גוט ארויסגעבראכט מיט דער באהויפטונג, טא צו וואס פאר א שווארץ יאהר דארפען די ארבייטער איינגאנצען האבען די „פרייהייט"?

אזוי שנעל ווי די צוויי חברה־לייט זיינען פארטיג געווארען מיט זייער דרשה, האט זימערמאן געזאגט, אז ער דענקט, אז עס איז נימא וואס צו רעדען וועגען דעם, אלע זיינען איינשטימיג פאר דעם.

קיינער האט ניט געוואגט צו נעהמען דאס ווארט געגען, אפילו ניט גאלדשטיין, וועלכער האט פאר מיר פראטעסטירט געגען דעם מיט א פאר שטונדען צוריק. קיינער פון די אנוועזענדע האט אבער ניט גערעדט פאר דעם, דאס הייסט, אז קיין באגייסטערונג צו געבען די 52 דאלאר איז ניט געווען.

דאן האב איך גענומען דאס ווארט און האב באמערקט, אז איך בין ניט געגען, אז יעדער זאל געבען וויפיעל ער וויל אדער קען, איך האב פיעלע מאל פרייוויליג בייגעשטייערט צו דער צייטונג מיט וויפיעל איך האב געקענט, אבער אדורכצווינגען א טעקס פון 52 דאלאר אויף אונז, צוליעב דעם פאקט, וואס מיר זיינען באצאהלטע באאמטע, דאס איז שוין צופיעל. מאנכע פון אונז, האב איך אנגעוויזען, זיינען פאמיליען־לייט, און זייערע פאמיליעס קענען נאך פון דעם ליידען. און, ווענדענדיג זיך צו זימערמאן'ען, האב איך געפרעגט, צי דענקט ער ניט, אז דאס איז פשוט קעכעדליך?

ער איז געווען, פונקט ווי די פארשטעהער פון דער צייטונג, איבערראשט פון מיינע רייד. ער האט מיר געענטפערט, אז מען דארף אפילו פארזעצען די וואטשעס און העלפען דער „פרייהייט". מיר, באצאהלטע באאמטע, דארפען ווייזען א ביישפיעל פאר די ארבייטער, אום זיי זאלען אויך בייסטייערען וויכטיגע סומען צו דער „פרייהייט".

אויף דעם האב איך גלייך געענטפערט, אז אזא ביישפיעל וועט האבען פונקט א פארקעהרטע ווירקונג. די ארבייטער וועלען זאגען, אז די ביזנעס־אײדזשענטס צאהלען עס דער „פרייהייט" פאר זייערע דזשאבס.

אבער מיין ארגומענט האט ניט געהאט קיין ווירקונג, און זימערמאן האט באשלאסען, אז די יעניגע, וועלכע קענען ניט נעמען יעצט מיט א מאל די גאנצע סומע, וועט ער אראנזשירען מיט די מענעדזשערס פון די לאקאלס, אז זיי, די לאקאלס, זאלען אראפנעהמען 5 דאלאר יעדע וואך פון דער „פעי".

ווען איך בין געקומען אין אפיס פון מיין לאקאל נאך מיין „פעי", האט מיר דער קלוירק פון מיין לאקאל ערקלערט, אז ער דארף אראפנעהמען 5 דאלאר א וואך פון מיינע וויידזשעס פאר דער קאמוניסטישער צייטונג, און דערפאר וועט ער פון מיינע וויידזשעס ניט אראפנעהמען די צוויי דאלאר א וואך, וואס איך דארף געבען פאר די פאסעיקער סטרייקערס. איך האב געהייסען ער זאל אראפנעהמען די צוויי דאלאר פאר די פאסעיקער סטרייקערס, אבער קיין פעני ניט פאר דער „פרייהייט". די צווייטע וואך אבער האט ער איינגע'טענה'ט מיט מיר: „סטייטש, פיינשטיין, איהר זאלט ניט וועלען געבען! איך בין ווירקליך סורפרייזד. אויב איהר וועט זיך אנטזאגען, וועט עס מאכען א שלעכטען איינדרוק אויף די אנדערע ביזנעס־אײדזשענטס און זיי וועלען אויך ניט וועלען צאהלען". און איך האב ענדליך ערלויבט אראבצונעהמען פון מיינע וויידזשעס 5 דאלאר.

אבער מיין געוויסען האט מיר נאך קיינמאל ניט אזוי געפלאגט, ווי דערפאר וואס איך האב דאן ערלויבט אראבצונעהמען 5 דאלאר פאר דער קאמוניסטישער צייטונג. עס איז ניט די געלד, וואס האט מיך געערגערט, נאר די חוצפה. עס איז א באליידיגונג פאר יעדען אינטעליגענטען ארבייטער. פשוט, מ'מאהנט געלד פאר דעם דזשאב!

און ווען איך בין געקומען די צווייטע וואך נאך מיינע וויידזשעס, האב איך זיך אנטזאגט צו געבען מעהר געלט פאר דער „פרייהייט", און האב גאנץ הויך געזאגט, אז איך וויל ניט באצאהלען פאר מיין דזשאב. עס איז געווארען א שטיקעל טומלטאכע אין אפיס, דאן האבען גארעצקי מיט קידרענעצקי'ן גענומען טענה'ן צו מיר: „עס איז דאך שוין פארפאלען. מיר האבען דאך שוין די גאנצע געלד, א סומע פון 750 דאלאר ארויסגעצאהלט צו דער „פרייהייט" פאראויס". אויף מיין פראגע: „וואס פאר א רעכט האט גארעצקי געהאט אויסצולעגען פאר דער „פרייהייט" אזא סומע פון דער יוניאן־קאסע אין פאראויס; וואס וועט ער טאן, צום ביישפיעל, אז א פאר ביזנעס־אײדזשענטס וועלען זיך נאר ארויסווייזען, אז זיי מוזען באזייטיגט ווערען פון זייערע עמטער צוליעב פארשיעדענע אורזאכען, ווי אונפעהיגקייט אדער אונערליכקייט — ווער וועט דאן אומקעהרען דעם לאקאל די געלד? האט ער מיר געענטפערט: „מיר איז די „פרייהייט" ליעב, און דאס אל!"

איך בין דאן געווען אין זעהר א געדריקטער שטימונג, און האב געטראכט צו רעזיגנירען. נאך פיעל איבערטראכטען, האב איך זיך באדעכענט, אז אייגענטליך בין איך דאך ביז צו א געוויסער מאס אליין שולדיג אין דעם גאנצען ענין. בין איך דאך געווען פון די יעניגע, וואס האבען געבראכט דערצו, אז אזעלכע חכמים זאלען זיין מענעדזשערס; איז עס דאך מיין אייגענע מעדיצין...

און די „מעדיצין" האט מיר טאקע גוט געהאלפען אויסצושטויסען און זעהן, אז דער ציעל פון דער ווירקערס פארטי איז ניט צו פארבעסערען און העלפען די יוניאנס, נאר צו פארכאפען זיי און איבערהויפט זייערע קאסעס; און מען שטעלט זיך ניט אפ פאר קיינע מיטלען אבי צו דערגרייכען די פאר דאלאר פון די יוניאנס.

אט איז א פאל, וואו עס שרייט ארויס קלאר די אבזיכטען פון די, וואס האבען געוואיעוועט ביז ניט לאנג צוריק אין אונזער יוניאן: איך מיין דעם פאל מיט מיללער'ן, אן ערוועהלטער באאמטער פון לאקאל 35. איך האב געוואוסט, און פיעלע „כאווײרים" האבען דאס אויך געוואוסט, אז מ'קלייבט זיך איהם אבצוזאגען נאך אין דעם מאנאט מארטש. אבער אזוי ווי מ'האט געדארפט ארויסקריגען פון איהם די 52 דאלאר פאר דער קאמוניסטישער צייטונג, האט זימערמאן געווארט ביז ער וועט אויסצאהלען די סומע, און טאקע א וואך נאך דעם ווי ער האט געהאט אויסגעצאהלט דעם לעצטען דאלאר, האט ער איהם אוועקגעשיקט. דאס איז א פאקט, וואס קיינער וועט עס ניט קענען אפלייקענען.

אט די אלע פאקטען האבען מיר געמאכט צו קומען צום באשלוס, אז איך זאל מעהר נאר ניט האבען צו טאן מיט דער קאמוניסטישער פארטיי. איך האב פון דאן און מעהר ניט באזוכט קיינע מיטינגען ניט פון דער פארטיי, ניט פון „ליעג".

איך בין אנגעגאנגען מיט מיין ארבייט אלס באאמטער פון דער יוניאן נאר לטובת דער יוניאן און די ארבייטער. וועלכע איך האב פארטראטען און פארטרעט זיי אויך ביי היינטיגען טאג. דאס וועלען עדות זאגען די ארבייטער אליין.

לעבאנאן האספיטאל גיט אפ באריכט פון פארגאנגענעם יאהר

אויף דעם נאר וואס אפגעהאלטענעם יעהרליכען מיטינג פון לעבאנאן האספיטאל איז באריכטעט געווארן, אז פאר'ן פארגאנגענעם יאהר האט דער האספיטאל געהאט 3867 פאציענטען, פון וועלכע 2,666 זיינען געווען באצאהלטע און טיילווייז באצאהלטע, 330, פאר וועלכע די שטאדט האט געצאהלט און 871 אינגאנצען אומזיסטע.

די אלע פאציענטען האבען פארבראכט אין האספיטאל 44,693 טעג, פון וועלכע די אומזיסטע פאציענטען זיינען [illegible] 10.036 טעג, די שטאדט פאציענטען — 4,424, די וואָרד־פאציענטען 20,[illegible] און די האלב און גאנצען פרייוואטע — 4,898 טעג.

די דיספענסערי איז באזוכט געווארען פאר דעם פארגאנגענעם יאהר 59,711 מאל. די דיספענסערי האט געמאכט 21,336 פרעסקריפשאנס. עס זיינען באהאנדעלט געווארען 1,806 עמוירדזשענסי קייסעס.

דער סאשעל סוירוויס דעפארטמענט פון לעבאנאן האספיטאל האט פאר דעם יאהר געהאט 5,386 קייסעס און 716 מאל זיינען דאקטוירים און נוירסעס געשיקט געווארען דורך דעם יאהר אין די היימען פון ארעמע פאציענטען.

דער לעבאנאן האספיטאל איז געגרינדעט געווארען אין 1890. דער האספיטאל האט 192 בעטען. מיט דער אויסנאהמע פון כראניש, ווערען אריינגענומען אלע קראנקע.

דער לעבאנאן האספיטאל איז איינער פון די 91 אנשטאלטען, וואס זיינען אנגעשלאסען און דער ניו יארקער צדקה פעדערייש'אן און האט לעצטען יאהר געקראגען פון דער פעדערייש'אן ארום הונדערט טויזענד דאלאר.

וואס איז עקס־לאקס?

עקס־לאקס איז איינע פון די וויכטיגסטע ערפינדונגען פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט: דאס איז א שאקאלאד־קענדי, וועלכעס רעגולירט דעם מאגען און פארנעהמט דעם פלאץ פון קאסטאר־איל, בימער־זאלץ, רובארבער, בימער־וואסער, לאקריץ פאודער, באצוקערטע אדער געפארבטע פילען, און נאך פיעלע אנדערע אלט־מאדישע אפפיהר־מיטלען פאר וועלכע יעדער מאן, פרוי אדער קינד פלעגען זיך אפשרעקען.

עקס־לאקס איז א שאקאלאד דורך און דורך. עס איז גוט שמעקט אין מויל און ווירקט געלאסען און נאטירליך נעגען אלע פארמען פון מאגען־פארשטאפונג, אהן שמערצען אדער קרעמפען.

פרובירט א באקס היינט און איבערצייגט אייך.

10, 25 און 50ס. א באקס, אין אלע דראגסטארס.

סעמועל גאמפערס

פון דער סעריע: באריהמטע פערזענ־ליכקייטען אין דער געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאנאל.

פון ה. לאנג.

ניט קיין כאראקטעריסטיק פון איהם; אויך ניט קיין ביאגראפישע נאטיצען פון זיין לעבען; אפילו ניט קיין פרווו אויף צו שילדערן איהם.

אין קורצען, ווענן סיטועיעס אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל אין וועלכע זיין נאמען איז געווען די־רעקט אריינגעוועבט — דאס, און ניט מעהר.

דאס ערשטע מאל, וואס סעמועל גאמפערס, בויער פון דער אמעריקאן פע־דעריישאן אף לייבאר און דער, וועלכער האט געגעבען די אמעריקאנער ארביי־טער באוועגונג איהר גרעסטען פרעס־טיזש, איז אויפגעטראטען מיט א הילפס ווארט אויף א פלאטפארמע פון ליידיס גארמענט ארבייטער, איז געווען אין פארבינדונג מיט קאטערס.

דאס איז געווען אין יאהר 1890. א יונגע, פון דאס ניי־אויפגעפויטע, קלאוק־מאכער יוניאן האט געהאט צו באגעגנען לאקאוטס. פון צוויי גרויסע קלאוק שעפער האט מען אויסגעשלאסען אר־בייטער פאר זייער אקטיוויטעט אין דער יוניאן. די אפערייטארס פון איין שאפ זיינען ארויס אין א סימפאטי סטרייק. עס איז געווארען א מהומה אין קלאוק־טרייד, און עס איז אויפגעלעבט געווא־רען א קלאוק מאנופעקטשורערס אסא־סיאיישאן. עס איז געקומען צו א לאק־אויט פון ארום צוויי טויזענט ארביי־טער אין טרייד. די קאטערס זיינען דאן געווען א וועלטעל פאר זיך; דאך הא־בען די קאטערס פון איין פירמע „מייער רושאנאסאן" זיך אויך אנגעשלאסען אן סטרייק. עס איז געקומען צו א גרעסע־רען לאקאוט. עס איז געווארען נאך א הייסער קאמף, און די קאטערס האבען פרובירט קריגען הילף פאר'ן סטרייק דורך די קאורטס. עס איז נעמליך פאר־געגט געווארען פאר דער גרענד דזשו־רי א קלאגע אויף דער מאנופעקטשו־רערס אסס'ן, אז מיט איהרע מעטאדען צו ווירקען, אז די באלעבאטים זאלען אויסשליסען פון זייערע שעפער ארביי־טער יוניאן־לייט, ברעכט זי די געזעצע פון ניו יארק סטייט. לויט דער קלאגע, האט געהייסען, אז די מאנופעקטשורערס זיינען קאנספיראטארס וואס שטערען די ארבייטער צו קענען מאכען א לעבען פון זייער טרייד. איין גרענד דזשורי און א צווייטע האבען די קלאגע ארויסגעוואר־פען ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער דיסטריקט אטוירני האט רעקאמענדירט איהר אויפצונעהמען און איבערלאזען צו קאורט פאר אן ענטשיידונג. עס איז דערפון געווארען א געזעלשאפטליכע פראגע אין ניו יארק. די ענגלישע צייט־טונגען האבען געדרוקט סטייטמענטס פון ריכטער און אויך עדיטאריעלס, אנ־ווייזענדיג, אז אזא האנדלונג פון דער גרענד דזשורי וועט באשטעטיגען די טענה, אז עס איז דא איין געזעץ פאר ארימע לייט און א צווייטער פאר רייכע און אז ארבייטער וועלען אין קאורטס קיינמאל קיין גערעכטיגקייט ניט קריגען. עס איז ארגאנזירט געווארען א מאסען־פארזאמלונג צו פראטעסטירן נעגען דער גרענד דזשורי. די פארזאמלונג איז גע־ווען אין קופער יוניאן און געצויגען די אויפמערקזאמקייט אין דער גאנצער שטאדט. סעמועל גאמפערס איז געווען איינער פון די רעדנער.

און ווידער ביי א פראטעסט פאר־זאמלונג אין קופער יוניאן. דאס איז גע־ווען א יאהר שפעטער. עס איז שוין גע־ווען נאך דעם גרויסען סטרייק, וואס האט זיך ארויסגעוויקעלט פון די פרי־ערינע שאפ־לאקאוטס און פון וועלכען דזשאזעף באראנדעס איז געווען דער הויפט פיהרער. באראנדעס איז נאכדעם געווען ארעסטירט (ווענען באראנדעס'עס אייגענע ראלע אין דער יוניאן וועט גע־רעדט ווערען אין א באזונדער ארטיקעל) — איין מאל און א צווייטען מאל. א דזשורי האט איהם געפונען שולדיג, און דער דזשאדזש האט איהם פאראורטיילט אויף א יאהר מיט 9 מאנאטען אין סינג־סינג. אין מאי פון יאהר 1891 איז גע־ווען א פארזאמלונג אין קופער יוניאן צו פראטעסטירן נעגען דעם אורטייל. דארטען האט אויך גערעדט אב. קאהאן (אין זיינע ערשט ערשינענע ביכער — „בלעטער פון מיין לעבען" — שרייבט קאהאן, אז ער אליין געדריגקט קוים יע־נע פארזאמלונג). די פארזאמלונג איז געווען א גרויסע. טויזענטער מענשען זיינען געשטאנען אין דרויסען, ווייל אינווענדיג איז שוין ניט געווען קיין פלאץ.

ביי דער פארזאמלונג איז די דזשורי פארדאמט געווארען. דער פארזיצענדער פון דער פארזאמלונג איז געווען סעמועל גאמפערס.

א קריג אין דער ארבייטער באווע־גונג. עס צופלאקערט זיך א קאמף צווי־שען די פיהרער פון דער סאציאליסטי־שער ארבייטער פארטיי (ס. ל. פ.) און

די פיהרער פון דער א. פ. או לייבאר. די א. פ. או לייבאר האט שוין איהר שטאנדפונקט — „פיור און סימפעל" טרייד יוניאניזם. קלאוקמאכער יוניאנס פון שיקאגא, באלטימאר און פילאדעל־פיא געהערען צו די שטאטישע צענט־ראלע יוניאן קערפערשאפטען, אנערקענט פון דער א. פ. או לייבאר. די ניו יאר־קער קלאוקמאכער יוניאן האט געהערט צו דער „סענטראל לייבאר פעדעריישאן" וואס קריגט ניט קיין סאנקציע פון דער א. פ. או ל.; אויך צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, אונטער א שטרענגע סאציאליסטישע פיהרערשאפט וועלכע פיהרען א קאמף מיט דער „פיור און סימפעל" אידעע. ניטא קיין איינינ־קייט צווישען די קלאוקמאכער יוניאנס גופא. דער נאמען גאמפערס איז אין צענטער פון די ברודער־קריגערייען.

די קריגערייען זיינען הויפטזעכליך אין דער אידישער ארבייטער וועלט. עס קומט צו א פאראייניגונג פון א גרופע יוניאנס, וועלכע גיבען ארויס א אידישע וואכענטליכע צייטונג—די „יוניאן צייט־טונג", וואס איז אן אפאזיציע צו דער סאציאליסטישער „ארבייטער צייטונג". די „יוניאן צייטונג" אונטערנעמט זיך צו שאפען איינינקייט אין דער אידישער יוניאן וועלטעל. דאס איז געווען אין יאהר 1894. סעמועל גאמפערס באגריסט די ערשיינונג פון דער „יוניאן צייטונג".

דעם זעלבען יאהר קומט אויס גאמ־פערס'ען צו ווארענען די קלאוקמאכער נעגען סימפאטי־סטרייקס. עס איז געווען א נייע מהומה אין קלאוק טרייד. אלס נאכווייהעניש פון פריהערדיגען יאהר, וואס איז געווען א קריזיס יאהר, האבען קלאוקמאכער געקראגען קליינע וויר־דזשעס. עס איז געקומען צו אן אונטער־זוכונג פון דער לאגע אין קלאוק טרייד פון'ם „ניו יארק סטייט באארד אף אר־ביטריישאן". דער רעפארט פון דער אונ־טערזוכונג האט געוויזען, אז די גרעסטע צאהל ארבייט און די בעסטע ארבייט ווערט אויסגעמאכט אין קאנטרי פלעצער פון עלטערע פרויען און יונגע מיידלאך. ארבייטער האבען זיך נעריסען צו סטרייקס. די קאטערס זיינען געווען פאר א גענעראל סטרייק. עס איז געווען א פראגע, צי עס איז ראטזאם צו סטריי־קען, אדער ניט. עס איז ווענען דעם גע־ווען א פארזאמלונג אין קופער יוניאן, און גאמפערס האט געווארענט נעגען סימפאטי סטרייקס, ווייל עס וואלט דאן אויסגעקומען, אז די יוניאן זאל איבערב־רעכען קאנטראקטען וועלכע זי האט גע־האט מיט מאנכע מאנופעקטשורערס. די קלאוקמאכער האבען גאמפערס'ען ניט געפאלגט. א גענעראל סטרייק איז שפע־טער ערקלערט געווארען. דער סטרייק איז פארלארען געגאנגען. ער האט גע־דויערט 5 מאנאטען צייט, און איז לאנג־זאם אויסגעגאנגען. דאס איז געווען איי־נע פון די טיף טראגישע סטרייקס אין דער געשיכטע פון קלאוק טרייד.

אין יאהר 1898 ווערט גאמפערס אריינגעצויגען אין ארבייט צו העלפען א שאפ סטרייק פון קלאוקמאכער אין שי־קאגא. עס איז געווען א סטרייק ביי א פירמע רושאזעף באפעלד און קאמפאני. עס איז געווען א קאמף פאר יוניאן אנערקענונג. דער „אילינאָיז סטייט באַ־ארד אף ארביטריישאן" האט זיך אריינ־געמישט אויף צו סעטלען, אבער גארניט אויסגעטאן. מען האט פאראינטערעסירט גאמפערס'ען. ער האט קאנפערירט מיט דער פירמע. די פירמע האט געוואלט נאכגעבען אנדערע פארערונגען, אבער נוט אנערקענען א שאפ־קאמיטע, וועלכע זאל אימער פארטרעטען אלע ארבייטער פון די שעפער פון דער פירמע. דער סטרייק האט זיך פארצויגען און איז פארלארען געגאנגען און די גאנצע שי־קאגער יוניאן איז צובראכען געווארען.

אין יאהר 1904 — עס איז שוין גע־ווען אן אינטערנעשאנאל יוניאן. ביי דער דאמאלסדיגער קאנווענשאן אין באַ־סטאן איז געקומען צו א דעלעגאטען־שטרייט. בענדזשאמין שלעזינגער און בערנארד בראף זיינען געווען קאנדידא־טען פאר ווידערערוועהלונג אלס פרעזי־דענט און גענעראל סעקרעטאר פון דער אינטערנעשאנאל און זיינען דורכגעפא־לען. עס זיינען ערוועהלט געווארען דזש מעקאלי פון די ניו יארקער קאטערס אלס פרעזידענט און איינעד א. בראונ־שטיין פון באסטאן אלס גענעראל סעק־רעטער. דער שטרייט איז געווארען זעהר שארף. מען האט גערעדט פון שפאלטען די קאנווענשאן. ס'איז אבער ניט געקו־מען צו דעם. סעמועל גאמפערס איז פאראינטערעסירט געווארען אין דער לאגע. נאך דער קאנווענשאן איז פאר־געקומען א קאנפערענץ, און מען האט דערגרייכט א קאמפראמיס. מעקאלי איז געבליבען פרעזידענט אבער אויף בראונ־שטיין'ס פלאץ, אין סעקרעטער אמט, איז באשטימט געווארען דזשאהן א. דייטש.

דער באריהמטער סטרייק פון די רי־פערמאכער אין יאהר 1907—גאמפערס איז אויך מיט דיזען קאמף פארבונדען. אוים'ן פארלאנג פון דאמאלסדיגען פרע־זידענט פון דער אינטערנעשאנאל, הער־מאן גראסמאן, האט גאמפערס אדרע־סירט א בריף צום פרעזידענט פון דער ריפער מאנופעקטשורערס אסס'ן, און פארגעשלאגען א סעטעלמענט. דער בריף האט געבראכט רעזולטאטען. ס'איז נאכ־דעם געקומען צו א סעטעלמענט קאנפע־רענץ.

ביי א קאנווענשאן פון דער אינטער־נעשאנאל נאכ'ן סטרייק איז געווען א פראגע ווענען עס קומט קרעדיט פאר דער סוקסעספולער ענדע פון דעם רי־פער מאכער קאמף.

א יאהר פריהער האט גאמפערס מיט דער הילף פון דעם דאמאלסדיגען א. פ. אף ל. פארטרעטער אין ניו יארק, הער־מאן ראבינסאן, צוזאמענגעבראכט ארום־שטרייטענדע קאטער ארגאניזאציעס. די פאראייניגונג האט געפירט צו דער איינ־שטעלונג פון איצטיגען קאטערס לאקאל נומער 10.

אין יאהר 1909 איז גאמפערס צווי־שען די אנאנסירטע רעדנער אויף דער פארזאמלונג אין קופער יוניאן, וואו עס איז באשלאסען געווארען דער באריהמטער אויפשטאנד אין וועיסט און דרעס־טרייד. אין זיין רעפארט צו דער נעקסטער קאנ־ווענשאן פון דער א. פ. אף ל. גיט ער אן אפשאצונג איבער דעם וועיסט און דרעסמאכער־סטרייק אין ברייטע טער־מינען.

אין 1910 איז ער א רעדנער אויף דער פארזאמלונג אין מעדיסאן סקווער גארדען, וואו עס ווערט באשטימט דער היסטארישער קלאוקמאכער סטרייק און ער באשטימט א מיטגליד פון עקזעקו־טיוו קאונסיל פון דער א. פ. אף לייבאר צו העלפען פיהרען דעם סטרייק. שפע־טער, ביים שלום פון סטרייק, איז א מהומה. די סטרייקער מאסע איז אומ־צופרידען מיט'ן פארגעשלאגענעם פראָ־טאקאל פון לואיס בראנדעיס; אויך די מיטגלידער פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע זיינען אונצופרידען. דער פרע־זידענט פון דער אינטערנעשאנאל, אב. ראזענבערג, האט זיך ענטזאגט אונטער־צושרייבען דעם פארגעלעגטען קאמפרא־מיס סעטעלמענט; עס האט געהאלטען ביי א צושפליטערונג אין דער סטרייק־פיהרערשאפט גופא. מען האט טעלעגרא־פירט נאך סעמועל גאמפערס.

אין יאהר 1912 האבען זיך אנגעהויבען קאנפערענצען איינצופירען א „פראָ־טאקאל" אויך אין וועיסט און דרעס טרייד. דורך דער צייט פון דער קאנ־ווענשאן פון דער א. פ. אף ל. אין ראָ־טשעסטער, איז וואלטער ה. בארטאהאָ־לאמיו, דער סעקרעטער פון דער מאנו־פעקטשורערס אסס'ן געקומען אהין צו קאנפערירען מיט די אינטערנעשאנאל באאמטע און אין די קאנפערענצען האט זיך אויך באטייליגט סעמועל גאמפערס. ביי ווייטערע קאנפערענצען אין ניו יארק איז גאמפערס געקומען ניט אזוי ווי א אמט איינגעלאדען פון דער אינטערנע־שאנאל, נאר אלס א דירעקטער פאר־טרעטער פון דער א. פ. אף ל. — א אר באזונדערער צד אין די קאנפערענ־צען.

אין יאהר 1913 איז געקומען צו א באוועגונג צו צושטערען דעם „פראטא־קאל". עס איז אויפגעקומען דאס וואס מען באצייכענט געוועהנליך די „הור־וויטש אפערע". די אינטערנעשאנאל איז געווען אין א קריזיס — מען האט געבראכט גאמפערסען, ער זאל העלפען ארויסנעהמען די אינטערנעשאנאל פון איהר שווערער לאגע.

דער יאהר 1915 איז א יאהר פון אומרוהע אין דער געשיכטע פון דער אינ־טערנעשאנאל. די אינטערנעשאנאל פאר־נעמט זיך צו גרויסע פלענער. ס'איז אבער אויך דער יאהר פון פאליציייאי־שע פארפאלגונגען אויף דער יוניאן. עס קומט אויף דער זיגמאן־טריאל; דאן נאך יוניאן־פראצעסען; א מאסען־פאר־זאמלונג אין מעדיסאן סקווער גארדען דארף אויסדריקען די שטימונג פון די טויזענדער מיטגלידער. סעמועל גאמ־פערס איז דארטען איינער פון די הויפט־רעדנער.

אין יאהר 1918 (מלחמה יאהר) האט די אינטערנעשאנאל געפיהרט איהר גרויסען ארגאניזאציאנס־קאמפיין אין קליוולאנד. די מאנופעקטשורערס האָ־בען איגנארירט די יוניאן־פאדערונגען. סעמועל גאמפערס האט דאן געשריבען א בריף פאר דער אינטערנעשאנאל צו דעם באקאנטען מאנופעקטשורער מאָ־ריס א. בלעק.

דאס אלץ אויף וויפיל עס איז פאר־צייכענט אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל, געשריבען פון דר. לו־איס לעווין. סיטואציעס, אין וועלכע גאמפערס האט זיין ראלע געהאט, און זיי זיינען אין דר. לעווין'ס געשיכטע ניט פארצייכענט, זיינען דא מעהרערע. זיי שפיגלען אפ גאמפערס'עס ארט אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשא־נעל אין נייע פארבען. איך וועל ווענען זיי שרייבען ביי א שפעטערער געלעגענ־הייט, מאכענדיג דערביי א גוטען גע־ברויך פון פילע בריף פון איהם, און פון פערזענליכע איינדריקע פון געשפרעכען מיט איהם. אבער די שוין איבערגע־געבענע נאטיצען ווייזען קלאר וואס פאר א באציהונג ער האט געהאט צו דער אינטערנעשאנאל — די באציהונג פון א גוטען זיידען, וואס קומט שטענדיג ארויסהעלפען פון צרות...

סטודענטען קאונסיל רי־יוניאן שבת, דעם 2טען אפריל.

היינטיגען יאהר איז דער 10־יאהרי־גער יובילעאום פון דער גרינדונג פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט און אונזערע סטודענטען פלאנעווען דורכצו־פיהרען א גרויסארטיגע אונטערנעהמונג צו פייערן דיזען יובילעאום.

עס האט זיך נעגרינדעט א ספעציע־לע קאמיטע אויסצואַרבייטען פלענער, וועלכע וועלען אנאנסירט ווערען פירצי־ליך. מיר מאכען אונזערע מיטגלידער אויפמערקזאם, אז זיי זאלען רעזערווי־רען דעם דאטום פון שבת, דעם 2טען אפריל פאר אונזער סטודענטען קאונסיל רי־יוניאן.

די פיל־באנערטע

נאך פירא ליאיס

פון נפתלי גראס.

דער ערשטער האט מיר צירונג געשענקט,
א געשאנק פון פערל, וואס איז ווערט א קליינע שטאדט,
מיט די דענקמעלער און מיט דער קירכע,
מיט'ן ראטהויז און מיט דער שטייער־קאסע.

דער צווייטער האט מיר פערזען געמאכט.
ער האט געזאגט, איך בין פיל ליבער
פון א ים־הויז אין רוים פון באגינען
און זאנפטער פון דעם אווענט־ווינט.

דער דריטער איז געווען אזוי שעהן,
אז זיין שוועסטער האט זיך אומגעבראכט,
ווייל ער האט זי נישט געוואלט קושען. —
איך וואלט איהם באדארפט נאר געבען א וואונק.

דו — דו האסט מיר גארנישט ניט געזאגט,
האסט מיר גארנישט ניט געשענקט, ווייל דו ביסט ארים,
און ביסט נישט שיין.
דיך אבער האב איך ליב.

GERECHTIGKEIT

A JEWISH LABOR WEEKLY
Published every Friday by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office: 3 West 16th Street, New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President
ABRAHAM BAROFF, Secretary-Treasurer
L. FINKELSTEIN, Acting Editor

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. IX. No. 9. Friday March 4, 1927

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Sec. 1103, Act of Oct. 3, 1917, Authorized Jan. 26, 1918.

אן אלגעמיינע רייניגונג.

ניט בלויז די יוניאנס אין אמעריקא ווערען אפגע־רייניגט פון די קאמוניסטען, נאר אזא רייניגונג קומט פאר אין אלע לענדער פון דער וועלט. און באזונדערס כאראקטעריסטיש איז די רייניגונג אין די יוניאנס אין דייטשלאנד.

דייטשלאנד איז בארימט אין דער גאנצער וועלט מיט איהר ארבייטער באוועגונג. דייטשלאנד האט די גרעסטע סאציאליסטישע פארטיי אין דער וועלט און דייטשלאנד האט די בעסט ארגאניזירטע ארבייטער־יוניאנס. עס האט געטראפען, אז די קאמוניסטישע פארטיי אין דייטשלאנד, וועלכע איז אין איין צייט געווען זעהר שטארק און זעהר איינפלוסרייך צווישען די דייטשע ארבייטער, האט נעקראגען די קאנטראל אי־בער מעהרערע גרויסע יוניאנס אין לאנד. דאס איז געווען אין דער צייט ווען דער אייזערנער מיליטערישער קנאפעל פון פראנקרייך האט געדריקט און געשטיקט דאס דייטשע פאלק און ווען די דייטשע ארבייטער־מא־סען האבען געהונגערט און געווען אין פולער פארצווייי־פלונג. דאס איז געווען די בעסטע צייט פאר די קא־מוניסטען. זיי האבען מיט זייער אומבאשרענקטער דעמאגאגיע געוואונען א גרויסען טייל פון די פארצווייי־פעלטע ארבייטער־מאסען אויף זייער זייט.

עס איז אבער גענוג געווען פאר די דייטשע אר־בייטער צו פארזוכען אויף א ווייל דעם טעם פון קא־מוניסטישער קאנטראל איבער די יוניאנס, אז זיי זאלען עס מעהר ניט וועלען.

עס האט זיך אנגעפאנגען אן אלגעמיינע רייניגונג אין די דייטשע יוניאנס פון דער קאמוניסטישער קאנט־ראל. און עס איז בלויז נויטיג געווען א גוטער אנפאנג און די רייניגונג איז געווארען א גרינטליכע. צוערשט די גרויסע רייניגונג אין דעם פארבאנד פון די מעטאל־ארבייטער און צום לעצט, מיט א קורצער צייט צוריק, די רייניגונג אין פארבאנד פון די האלץ ארבייטער.

די וואהלען ביי די האלץ ארבייטער אין דייטש־לאנד איז פארגעקומען מיט א קנאפען חודש צוריק און די נידערלאגע פון די קאמוניסטען אין די וואהלען איז איינפאך געווען א פארניכטענדע.

און דייטשלאנד האבען דאך די קאמוניסטען גע־האלטען פאר זייערע א פעסטונג. אין קיין אנדער לאנד האבען די קאמוניסטען ניט געהאט געוואונען אזוי פיל אנהענגער צווישען די ארבייטער, ווי אין דייטשלאנד. אבער וואס איז היינט געווארען פון דער גרויסער קא־מוניסטישער מאכט צווישען די דייטשע ארבייטער? היינט איז איהר ווערט א גאנץ קליינער.

די קאמוניסטען אין דייטשלאנד האבען פארלארען אויף דער גאנצער ליניע. ביי יעדער פון די פאליטישע וואהלען, וואס זיינען לעצטענס פארגעקומען, האבען די קאמוניסטען געליטען א גרויסע נידערלאגע און די סא־ציאליסטען האבען געהאט א גרויסען זיג. אבער נאך וויכטיגער איז, וואס די קאמוניסטען זיינען כמעט אין גאנצען אויסגערייניגט געווארען פון די יוניאנס.

און ניט בעסער געהט עס די קאמוניסטען אין די אנדערע לענדער.

די ארבייטער האבען זיך ענדליך ארומגעזעהן וואס פאר אן אומגליק די קאמוניסטען זיינען פאר דער אר־בייטער באוועגונג און פאר די ארבייטער יוניאנס.

די קאמוניסטישע טאקטיק איז אין אלע לענדער די גלייכע. ווי זאגט מען? דער העכט ריכט פון קאפ. די קאמוניסטישע טאקטיק פון אלע לענדער קומט פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. און די טאק־טיק איז, אז מען דארף אין יעדער יוניאן אויפרייצען צו א ברודער־קריג און דורך דעם פארכאפען די מאכט אין דער יוניאן.

די קאמוניסטען ווייסען גאנץ גוט, אז ווי לאנג אין א יוניאן עקזיסטירט איינינקייט, קענען זיי אויף איהר קיין שליטה ניט האבען. ערשט ווען זיי ברייננען אריין א מלחמה אין דער יוניאן, ווען איין טייל מיטגלידער ווערט אויפגערייצט געגען צווייטען, ווען אנשטאט די ארבייטער זאלען פאראייניגט קעמפען געגען זייערע בא־לעבאטים, פאנגען זיי אן צו קעמפען איינער געגען צווייטען, דאן ווערט עס מעגליך פאר די קאמוניסטען צו פאר־כאפען די קאנטראל איבער דער יוניאן און איהר אויס־נוצען פאר די צוועקען פון זייער פארטיי.

דאס איז די קאמוניסטישע טאקטיק אין אמעריקא, און זי איז די זעלבינע אין דייטשלאנד און אין די אנ־דערע לענדער. און ענדליך האבען זיך די ארבייטער אין אלע לענדער אנגעפאנגען ארומזעהן וואס פאר אן אומגליק די קאמוניסטען זיינען פאר זייערע יוניאנס און עס האט זיך אנגעפאנגען אן אלגעמיינע רייניגונג פון דער קאמוניסטישער קאנטראל און פון דער קאמו־ניסטישער הערשאפט אין די יוניאנס.

און דאס איז דער בעסטער סימן, אז די ארבייטער באוועגונג קומט צוריק צו איהרע כוחות און ווערט צוריק געזונט. ווארים דער כח פון די ארבייטער איז אין זייער איינינקייט. די קאמוניסטען האבען די ארבייטער איי־ניגקייט צובראכען. די קאמוניסטען האבען בעשאפען א ברודער־קריג אין דער ארבייטער באוועגונג און אין די ארבייטער יוניאנס, און די ארבייטער זיינען דאריבער געווארען מאכטלאז אין זייער קאמף געגען זייערע קאפי־טאליסטישע שונאים. איצט אבער, ווען די יוניאנס ווערען אבגערייניגט פון דער קאמוניסטישער קאנטראל, וועט צוריק קענען אומגעקעהרט ווערען די איינינגקייט פון די ארבייטער אין די יוניאנס און ממילא וועט אויך צוריקגעקעהרט ווערען צו זיי זייער מאכט.

סטרייקס אהן סטרייקערס.

די אויסגעשפילטע קאמוניסטישע פירמע אין דער קלאוקמאכער יוניאן נויטיגט זיך זעהר שטארק אין סטרייקער.

סטרייקס האט זי גענוג, אבער עס פעהלען איהר סטרייקערס פאר איהרע סטרייקס.

ערקלעהרען א סטרייק אין א שאפ איז גאנץ לייכט פאר דער אויסגעשפילטער קאמוניסטישער פירמע, אבער עס איז פאר איהר גאר ניט לייכט צו קריגען סטרייקערס פאר איהרע ערקלעהרטע סטרייקס.

זיי ווייסען די קאמוניסטען, אז זיי זיינען אויסגע־שפילט אין דער קלאוקמאכער יוניאן און זיי האבען דעריבער באשלאסען צו פארניכטען און צוצושטערען וויפיל זיי וועלען נאר קאנען. ווארים אויב זיי קענען די יוניאן ניט האבען, טא צו וואס דארף מען איהר אינגאנצען? און עס זעהט אויס, אז זיי האלטען שטענ־דיגע סטרייקס פאר דעם בעסטען מיטעל צו פארניכ־טען די יוניאן. און זיי זיינען אויך גערעכט. שטענ־דיגע סטרייקס איז דער בעסטער מיטעל צו פארניכ־טען דעם קלאוק טרייד און ווען דער קלאוק טרייד וועט זיין פארניכטעט, וועט ממילא אויך זיין פאר־ניכטעט די קלאוקמאכער יוניאן.

צום גליק אבער זיינען די סטרייקס, וואס די אויסגעשפילטע קאמוניסטישע פירמע ערקלערט אין די קלאוק און אין די דרעס שעפער, אהן סטרייקערס. אין מאנכע שעפער גיט זיך זיי איין צו קריגען א פאר סטרייקער און אין מאנכע דאס אויך ניט.

אט האבען זיי, למשל, אין קופער און שלאסבערג'ס שאפ, וואו עס ארבייטען 50 ארבייטער, געקראגען צוויי סטרייקער. אין דער גילט דרעס קאמפאני הא־בען זיי מעהר ווי איינעם ניט געקענט קריגען. זיי האבען אויך ניט געקענט קריגען מעהר ווי איין סטריי־קער אין דער אייוואן דרעס קאמפאני. דערפאר אבער האבען זיי שוין געהאט מעהר מזל אין בען גורשעלס שאפ, וואו עס זיינען באשעפטיגט 150 ארבייטער. דארטען האבען זיי געקראגען גאנצע 6 סטרייקערס. אן עהנליכען מזל האבען זיי אויך גע־האט אין רייזמאן, ראטמאן און בייבער שאפ, וואו 150 ארבייטער זיינען באשעפטיגט. אויך דארטען הא־בען זיי געקראגען 6 סטרייקערס. נאר די אונטער־שטע שורה איז, אז אין 11 שעפער, וואס די קאמו־ניסטען האבען ערקלערט אין סטרייק, און אין וועלכע עס זיינען באשעפטיגט ארום 660 ארבייטער, האבען זיי ארום און ארום געקראגען ניט מעהר ווי 36 סטרייקער.

אין א געוויסען פרט איז עס פאר די קאמוניסטען באקוועמער אנצופיהרען א סטרייק אין א שאפ, האבענ־דיג בלויז איינעם אדער צוויי סטרייקער. אזא סטרייק קאן מען אנהאלטען אייביג. עס איז אבער דערביי אויך פאראן א גרויסע אומבאקוועמליכקייט. איין אדער צוויי סטרייקער איז לייכט צו פארלירען. מען קען אויפשטעהן אין א שעהנעם פריהמארגען און אין גאנצען מעהר ניט געפינען דעם סטרייקער און דאן איז אויס מיט'ן סטרייק.

ניין, די קאמוניסטען דארפען האבען אביסעל מעהר סטרייקערס פאר זייערע סטרייקס, אבער ביי די קלאוק־מאכער און ביי די דרעסמאכער קאנען זיי איצט זיי ניט קריגען, זיי וועלען זיך מוזען ווענדען צו די פאריערס, אפשר וועלען זיי ביי זיי קאנען קריגען עטליכע סטריי־קער פאר די קלאוק און דרעס שעפער. דערווייל אבער זיינען עס סטרייקס אהן סטרייקערס.

נאכאמאל.

מיר ווילען ווידער א מאל און נאך אמאל אפע־לירען צו די קלאוקמאכער, אז זיי זאלען אונז העלפען ברענגען ארדנונג אין דער קלאוק מאכער יוניאן און אין דעם קלאוקמאכער טרייד.

די אינטערנעשאנעל ווענדעט אן אלע איהרע כוחות און אלע איהרע מיטלען צוריקצוברענגען די קלאוקמאכער יוניאן צו איהר אמאליגער שטארקיים און איינפלוס און אז דער קלאוק טרייד זאל ווידער זיין אזוי גוט ארגאניזירט, ווי ער איז דאס פריהער געווען. אבער דאס קען דורכגעפיהרט ווערען בלויז, ווען די קלאוק מאכער אליין וועלען מיטהעלפען אין דער גרויסער, שווערער ארבייט.

די קלאוק מאכער ווייסען, אז עס זיינען היינט פאראן א רעכט ביסעל ניט־יוניאן שעפער אין דעם קלאוק טרייד און זיי ווייסען גאנץ גוט, וואס פאר א רואינע דאס איז פאר זיי. עס איז דעריבער איבעריג פאר אונז צו זאגען, אז יעדער מיטגליד פון דער קלאוק־מאכער יוניאן דארף און מוז זיין פאראינטערעסירט אם די ניט־יוניאן שעפער צו ארגאניזירען.

מיר ווייסען, אז אין מעהרערע ניט־יוניאן שעפער ארבייטען אויך אזעלכע קלאוקמאכער, וועלכע באלאנ־גען צו דער יוניאן. דאס איז א רעזולטאט פון דער גרויסער דעמאראליזאציע, וואס די קאמוניסטען הא־בען ארייגעבראכט אין דעם קלאוק טרייד. אבער אויב די דאזיגע קלאוק־מאכער האבען אין זיך ניט גענוג שטארקיים זיך אפצוזאגען פון ארבייטען אין ניט־יוניאן שעפער, דארפען זיי דאך ווענינגסטענס אזוי פיל פארשטעהן און בעגרייפען, אז עס וועט פאר זיי זיין בעסער, ווען די ניט־יוניאן שעפער, אין וועלכע זיי ארבייטען, וועלען ארגאניזירט ווערען און געמאכט ווע־רען פאר יוניאן שעפער. און גלויבען זיי דאך, אז די קלאוקמאכער דארפען האבען א יוניאן און אז דער קלאוק טרייד דארף זיין ארגאניזירט. א באווייז, אז זיי אליין באלאנגען צו דער יוניאן און ווילען צו איהר באלאנגען. און אויב אזוי, טא ווארום זאלען זיי ניט פרובירען העלפען ארגאניזירען די ניט־יוניאן שעפער אין וועלכע זיי ארבייטען?

עס איז ניט בלויז די פליכט, נאר עס איז אויך אין די אינטערעסען פון יעדען מיטגליד פון דער קלאוק־מאכער יוניאן צו זארגען דערפאר, אז יעדער קלאוק־שאפ זאל זיין א יוניאן שאפ. זאל דעריבער יעדער יוניאן מאן, וואס ארבייט אין א ניט־יוניאן שאפ, קומען אין דער יוניאן און זיך דורכריידען אויף וועל־כען אופן דער ניט־יוניאן שאפ קען ארגאניזירט ווערען און פארוואנדעלט ווערען אין א יוניאן שאפ.

און ווען מיר ריידען שוין וועגען זאכען נאך א מאל און נאך א מאל, וועלען מיר שוין ביי דער געלע־גענהייט נאך א מאל דערמאנען די קלאוק־מאכער, אז זיי זאלען זעהן, אז די יוניאן באדינגונגען אין די שע־פער זאלען אפגעהיט ווערען.

און די קלאוקמאכער ווייסען וואס מיר מיינען מיט די ווערטער „יוניאן באדינגונגען". האבען זיי דאך אנגעפיהרט א לאנגען, שווערען קאמף אם פאר די יוניאן באדינגונגען.

און אויב אין א יוניאן שאפ ווערען ניט אפגע־היט די יוניאן באדינגונגען, טא מיט וואס איז ער בעסער ווי א ניט־יוניאן שאפ? אפשר איז ער נאך גאר ערגער. א ניט־יוניאן שאפ נארט ווענינגסטענס קיינעם ניט אפ. די יוניאן ווייס, אז זי האט פאר זיך אן אויפגאבע דעם ניט־יוניאן שאפ צו ארגאניזירען און צו מאכען פון איהם א יוניאן שאפ. אבער ווען אין א יוניאן שאפ היט מען ניט אפ די יוניאן באדינגונגען נארט מען דערמיט אפ און מען באשווינדעלט די יו־ניאן. און ווער נארט עס אפ און באשווינדעלט די יוניאן? ניט קיין אנדערע ווי די מיטגלידער פון דער יוניאן, וועלכע ארבייטען אין דעם שאפ.

זיי דארפען אבער וויסען, אז אין ענד־רעזולטאט בלייבען זיי אליין די אפגענארטע און די באשווינדעל־טע. ווייל אפנארען די יוניאן מיינט אפנארען זיך אליין. און אט טאקע דעריבער דערמאנען מיר נאך א מאל און נאך א מאל וועגען אפהיטען די יוניאן באדינגונגען אין די שעפער און אז די ארבייטער זאלען זיך אליין נים אפנארען און זיך אליין נים באשווינדלען, מיינענדיג, אז זיי נארען אפ און באשווינדלען די יוניאן.

א יוניאן פאר די מיטגלידער

היינטיגע כדרה אין דער יוניאן איז: „נאמיניי־שאן", „עלעקשאן" און „אבדזשעקשאן". די „עלעקשאן" און „אבדזשעקשאן" קאמיטעס פון אונזערע לאקאלס זיי־נען איצטער ביי דער ארבייט, צוזאמען מיט א קאמיטע פון אונזער גענעראל עקזעקוטיוו באארד, פון וועלכער וויים־פרעזידענט מאקס אמדור איז דער טשערמאן.

די דאזיגע קאמיטעס האבען פאר זיך א זעהר וויכטיגע און זעהר נויטיגע ארביים. זיי האבען נאכצו־זעהן וועד עס איז נאמינירט געווארען, אויב די נאמי־נירטע קאנדידאטען זיינען ראוי צו פארנעמען די אמטען, פאר וועלכע זיי זיינען נאמינירט געווארען, און פונקט אזוי גוט דארפען זיי נאכזעהן, דאס אויב אפילו די נאמינירטע קאנדידאטען זייטען ראוי צו פאר־נעמען אן אמט, צי האבען זיי די פעהיגקייט דעם אמט צו פארנעמען.

און די ליסטען מיט די נאמינירטע קאנדידאטען זיינען לאנגע, עס איז דא פון וואס צו קלייבען. און עס פאלט די פאראנטווארטליכקייט אויף די מיטגלידער וואס זיינען ערוועהלט געווארען אין די „עלעקשאן" און „אבדזשעקשאן" קאמיטעס אויסצוקלייבען די סאמע בעסטע און פעהיגסטע, וועלכע דארפען ארויפגעהן אויפ'ן באלאט. און אט די ארבייט ווערט געטאן פון די קאמיטעס מיט פיל פליים און מיט דעם גאנצען ערנסט וואס פאדערט זיך פאר אזא ארביים. און ערשט נאכדעם קומט די מעמבערשיפ פון די לאקאלס צו זאגען דאס לעצטע ווארט ביים שטימקאסטען. דאן בלייבט עס פאר דער מעמבערשיפ אויסצוקלייבען די בעסטע פון די בעסטע וואס ווערען ארויפגעשטעלט אויפ'ן באלאט.

און אזוי געהט אן די ארבייט אין דער יוניאן, עהרענהאפט און געוויסענהאפט, אהן רעש און אהן טומעל, אויף אן אמת'ען טרייד־יוניאן אופן, צוריק אוועקצושטעלען די יוניאן אויף א נארמאלען באזיס, ווי אין די צייטען פון אמאל, איידער די ארגאניזאציע איז דעמאראליזירט געווארען פון די קאמוניסטישע פארפיהרער, וועלכע האבען געפיהרט די יוניאן אין די אינטערעסען פון דער קאמוניסטישער פארטיי, אבער נים אין די אינטערעסען פון די מיטגלידער.

אין א צוויי וואכען ארום וועלען פארקומען די וואהלען אין די לאקאלס, און ווען די אלע באאמטע וועלען ערוועהלט ווערען, וועט זיכער זיך אנהויבען א נייער לעבען אין דער יוניאן. די יוניאן וועט צוריק נאך־מאל פונקציאנירען, און זי וועט געפיהרט ווערען בלויז אין די אינטערעסען פון די ארבייטער אין די שעפער, פון די מיטגלידער. און עס וועט נישט נעהמען לאנג די יוניאן וועט געשטארקט און געקרעפטיגט ווערען. די יוניאן וועט דאן זיין דאס וואס זי דארף זיין — א יוניאן פון די מיטגלידער, דורך די מיטגלידער און פאר די מיטגלידער.

דאס געדרוקטע ווארט

(נאטיצען פון א זשורנאליסט).

פון על עם.

איהר ווייסט דאך געוויס פון די ענג־לישע צייטונגען, אז אין ענגלאנד איז דורכגעגאנגען א געזעץ, וואס וועט באַ־שטראפען די צייטונגען פאר דרוקען די שמוציגע באריכטען וועגען גט פראצע־סען.

אויך אין דייטשלאנד געהט אן א באוועגונג צו פארבאטען די שמוציגע לי־טעראטור, וועלכע פארדארבט די זיטען, באזונדערס פון דער וואקסענדער יוגענד און דעם פראסטען עולם.

פון צייט צו צייט ברעכט אויס אזא קאמף צווישען די מאראליסטען פון איין זייט, וואס ווילען אפהיטען די צניעות פון אמאליגע דורות און פארדאמען די קונסט און ליטעראטור פאר יעדע פאר־לעצונג פון אנגענומענעם מאראל, און די קינסטלער און דיכטער פון דער צוויי־טער זייט, וועלכע פארלאנגען פולשטענ־דיגע פרייהייט פאר זייער שאפען, זיי זאלען אויף זיך ניט האבען קיין שום צענזור.

אמת, אין די אנגעוויזענע פאלען פון דער לעצטער צייט שטעהען אין קאמף געגען די „פרייע" שמוציגע ליטעראטור, סיי אין דייטשלאנד סיי אין ענגלאנד, ניט בלויז די מאראליסטען און די קאנ־סערוואטארען, באר אויך פיל, פיל פרייע גייסטער, וועלכע פרעדיגען ניט קיין מא־ראל, וועלכע זיינען באקאנט אלס קעמ־פער פאר פרייהייט אויף אלע אנדערע געביטען.

דאך וועט איהר אין די צייטונגען און אין די ליטעראטרישע קאפעען לעזען און הערען שארפע ארויסטרעטונגען גע־גען די אלע, וואס ווילען אוועקנעהמען די פ ר י י ה י י ט ב י י ד ע ר ק ו נ ס ט.

אויב איהר זייט בטבע א נערוועזער מענש, מוזט איהר זיך אויפרעגען לעזענ־דיג אדער הערענדיג אזעלכע „מליצות". נאר ווען איהר האט אביסעל הומאר, וועט איהר אנהויבען לאכען פון די מענ־שען, וואס נעברויכען הויכע ווערטער צו פארדעקען נידעריגע מעשים.

אזוי קאן דער גנב, ווען מען כאפט איהם ביי דער האנד און מען ארעסטירט איהם, זיך קלאגען אויף די, וועלכע בא־רויבען איהם זיין „פרייהייט". און יע־דער שמירער וועט פארלאנגען פאר זיך די פרייהייט פון א קינסטלער.

בכלל וואלט כדאי געווען, אז די ווירקליך פרייע מענשען זאלען זיך בא־פרייען פון דעם שרעק פאר ווערטער, מיט וועלכע מען וויל ביי זיי אוועקנע־מען די קראפט צו דענקען און פיהלען לויט זייערע אייגענע מוח און הארץ.

נאר ניט דאס בין איך אויסען. דא וויל איך בלויז מאכען עטליכע באמער־קונגען וועגען דעם געדרוקטען ווארט, אויף וועלכען מען וויל ארויפלעגען א צענזור.

אין פלוג קאן זיך דוכטען, אז מען טאר ניט דערלאזען קיין צענזור אויף דעם געדרוקטען ווארט. דורות לאנג הא־בען די בעסטע און די גייסטרייכסטע מענשען געקעמפט נעגען די קייטען פון אלע מינים צענזור, קירכליכע, פאליטי־שע, מאראלישע, מיט וועלכע מען האט געוואלט איינהאלטען דאס געדרוקטע ווארט. איצט, אז מען האט ענדליך זיך באפרייט פון די אלע קייטען, זאל מען ווידער זיי לאזען אנטאן אויפ'ן געדרוק־טען ווארט?

אבער מען זאל דערביי ניט פארגע־סען, אז דאס געדרוקטע ווארט אין אונ־זער צייט האט גאר אן אנדער פנים ווי אין יענע דורות, ווען די אויסדערוויילטע פון דער מענשהייט האבען געקעמפט פאר זיין פרייהייט.

דאס געדרוקטע ווארט אין פריהער־דיגע צייטען איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון דעם מענשען'ס גייסט. איהר געדענקט דעם אלטען אפאריזם: „ניט אלץ וואס א מענש טראכט איז ווערט ארויסגעזאגט צו ווערען; און ניט אלץ וואס א מענש רעדט ארויס פון מויל דארף פארשריבען ווערען; און ניט אלץ וואס א מענש שרייבט אן איז ראוי געדרוקט צו ווערען".

דאס געדרוקטע ווארט איז אלזא גע־ווען די העכסטע מדרגה פון דעם מענ־שענס געדאנק. האט מען געוואלט זאגען אויף אימעצען, אז ער האט ארויסגע־זאגט א קלוגען און א געלונגענעם גע־דאנק, האט מען זיך אויסגעדריקט: — „דאס איז גאר צום דרוקען".

האט איינער אנגעשריבען א חבור, אין וועלכען ער האט ארייגעלעגט זיין „איך", אויף וועלכען ער האט געהאר־עוועט יאהרען לאנג, האט ער נאך ניט געהאט די דרייסטקייט ארויסצוגעבען אין ווערק ביז ער האט ניט בקומען א געוויסע צאהל „הסכמות" פון קאמפעטענטע פערזאנען.

אין אונזער צייט איז דאס געווארען גאר אנדערש. דאס געדרוקטע ווארט איז געווארען ביליג, לייכט, אייבערפלעכליך, אפט זינלאז. די באציהונג פון שרייבער און פון לעזער צום געדרוקטען ווארט איז געווארען פריוואל, אהן שום דרך־ארץ, אהן שום ערנסט. וואלטער האט אמאל געזאגט וועגען דער אפערא: — „אלץ וואס איז צו דום גערעדט צו ווע־רען, ווערט געזונגען". דעם דאזיגען אפא־ריזם קאן מען איבערפראזירען: „אלץ וואס איז נאריש גערעדט צו ווערען, ווערט אפגעדרוקט".

ניט דא איז דער ארט צו באטראכ־טען די אלע סיבות, וועלכע האבען גע־ווירקט אויף די ערנידערונג פון געדרוק־טען ווארט. גענוג איז צו קאנסטאטירען דעם טרויעריגען פאקט, וועלכער איז אלעמען גוט באקאנט און נויטיגט זיך ניט אין באווייזע.

מיט דיזען נידעריגען צושטאנד פון געדרוקטען ווארט באנוצען זיך אפטער און אפטער מענשען, וועלכע מאכען ביז־נעס מיט אבגעניצעוועטע זאכען. זיי האבען אריינגענומען צו זיך אין האנד דאס געדרוקטע ווארט, וועלכעס איז אמאל געווען איינע פון די בעסטע קול־טורעלע גיטער פון דער מענשהייט און האבען דערפון געמאכט א פארדארבע־נעם ארטיקעל, וואס ווערט פארקויפט אונטער דער פירמע פון „פרעסע", „לי־טעראטור" און „קונסט".

אזוי ארום זיינען געשאפען געווארען די וואכענבלעטער, וואס פארנעמען זיך מיט באשרייבונגען פון לעבען אין בער־רום, מיט שילדערען די אלע סקאנדא־לען פון די גט פראצעסען, מיט אונטער־טראגען דעם לעזער אלערליי „פילאזא־פישע" קוואטש, וואס פארדארבט דעם גייסט.

אזוי ארום ווערט פארשפרייט פאר־נאגראפישע ליטעראטור אין דער פארם פון ראמאנען, לידער, ערצעהלונגען, וועל־כע ווירקען ווי גייסטיגער גיפט אויפ'ן לעזער.

אין דייטשלאנד און אין אנדערע מדינות, נאך דער מלחמה, האט דיזער מין „שונד ליטעראטור" אנגענומען א כאראקטער פון אן אמת'ער גייסטיגער עפידעמיע, וועלכע האט פארשטעהט זיך, פריהער פון אלעם פארכאפט די גייסטיג ארעמע שיכטען פון פאלק, וועלכע האבען מיט אמת'ער ליטעראטור קיינמאל ניט געהאט צו טאן.

שפעטער אבער האבען זיך אנגע־שטעקט אויך די העכערע גייסטיגע שיכ־טען. דאס האט געבראכט דערצו, אז אפילו ערנסטע, ריינע, ליטעראטרישע צייטשריפטען האבען געפונען פאר נוי־טיג, אפשר ניט ווילענדיג, נאכצוגעבען דעם געשמאק פון נייעם לעזער און איינ־פיהרען אין זייערע צייטונגען א ווינקעל, גרעסער אדער קלענער, פאר „געפעפער־טער" ליטעראטור.

נאך מעהר. די ליטעראַרישע קריטיק האט גאנץ אפט אנגעוויזען אויף דעם, אז פיעל נייע ווערק פון אמת באגאבטע קינסטלער זיינען ווי מיט א כיוון דורכ'ן מחבר „צוגעטרימט" געווארען לויט דעם געשמאק פון דעם לעזער, וואס איז ער־צויגען געווארען אויף שונד ליטעראטור.

עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט, וואס אויך ניט קיין מאראליסטען הא־בען צוגעשטימט, מען זאל איינפיהרען א צענזור אויף דעם מין „ליטעראטור", וואס איז דער ערגסטער סוראגאט, וואס איז געפעהרליכער פון אלע אנדערע.

דאס איז ניט אזוי קיין עטישע פרא־גע ווי אן עסטעטישע. מען דארף ניט זיין קיין מאראליסט, אום צו פיהלען אן עקעל צו די אלע ביכלאך און זשורנא־לען, וואס דער איינציגער צוועק זייער איז צו רייצען די אפגעשוואכטע נערווען פון לעזער.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואס מענשען מיט טיפער ליבע פאר פרייהייט האבען מסכים געווען צו א צענזור. זיי ווייסען גאנץ גוט, אז א צענזור קאן ניט זעלטען אונטערדריקען די פרייהייט פון אמת'ער קונסט, ניט ווייסענדיג דעם אונ־טערשיד צווישען איהר און שונד. אבער ווי זאגט דער שפריכווארט? — „פון צוויי אומגליקען קלייבט מען אויס דאס קלענערע".

און אין פארגלייך מיט דעם שונד־אומגליק איז דער צענזור אומגליק א פיל קלענערס. ווייל דער „שונד" אין אלע זיינע פארמען דראהט צו פארניכטען דאס גרעסטע קולטור־ווערט, וואס די מענשהייט האט עדרייכט אין הונדער־טער יאהרען — דאס געדרוקטע ווארט.

עס איז א באזונדער פראגע, צי איז די צענזור א ראדיקאלער מיטעל צו בא־קעמפען די שונד־ליטעראטור.

אבער איך דענק ניט, אז די מוטיגע קעמפער געגען „שונד" וועלען זיך באגנ־נוגענען מיט איינפיהרען א צענזור. צוזא־מען מיט דעם ווערט געשאפען א בא־וועגונג אויפצוהויבען דעם ניוואו פונ'ם געדרוקטען ווארט, צו געווינען פאר איט דעם רעספעקט פון לעזער, צו אומקערען איהם, דעם געדרוקטען ווארט, זיין אמא־ליגע קראפט, זיין אמאליגען גלאנץ.

דאס איז א שווערע, אונגעהויערע שווערע אויפגאבע. ווער ווייסט ניט, אז פיל לייכטער איז צו ברעכען ווי צו בוי־ען, צו געהן בארג אראפ ווי בארג ארויף, צו פארלירען ווי צו געפינען.

אבער דער ציעל איז אזוי וויכטיג, אזוי הייליג, אז עס לוינט צו שטרעבען צו איהם.

עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

דערצעהלט אייערע מיטארביי־טער וועגען אונזער עדיוקיי־שאנאל טעטיגקייט

עס זיינען נאך פאראן מאנכע מיט־גלידער, וועלכע ווייסען גארניט וועגען די בילדונגס טעטיגקייטען, וועלכע אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן פיהרט אן. די־זער פאקט קען בלויז ערקלערט ווערען דערמיט, וואס אונזערע מעמבערס וואוי־נען אין דער גרעסטער שטאדט אין דער וועלט און זיינען פארשפרייט צווישען 6 מיליאן איינוואוינער.

ווען די יעניגע פון אונזערע מיטגלי־דער, וועלכע באזוכען די קורסען, וואלטען זיך גענומען די מיה צו באקענען זייערע מיטארבייטער מיט אונזער פרא־גראם און סטימולירען זייער אינטערעס אין אונזער ארבייט, זיינען מיר זיכער, אז זיי וועלען זיין ערפאלגרייך און אלץ מעהר און מעהר פון אונזערע מעמבערס וועלען זיך באנוצען מיט די געלעגענהייטען וואס ווערען זיי געגעבען דורך דעם עדיוקיישא־נאל דעפארטמענט פון אונזער אינטערנע־שאנאל יוניאן, אויף דעם געביט פון סא־ציאלער און אינטעלעקטועלער אנטוויק־לונג. מיר קענען זיך ניט פארלאזען צו־פיל אויף אנזאגען אין אונזערע וועכענט־ליכע אויסגאבען: פערזענליכע פראפא־גאנדע האט קענען דערגרייכען דאס וואס דאס געשריבענע ווארט דערגרייכט ניט.

מיר ערווארטען פון אלע אונזערע מיטגלידער, אז זיי זאלען מאכען זייער פליכט אויף דעם געביט פון אויפקלערען זייערע ברידער און שוועסטער ארבייטער וועגען די אקטיוויטעטען פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט און זיי איינלאדען צו באזוכען אונזערע קלאסען.

די געשלעכטס פראגע אין דער ליטעראטור

דיסקוסיע פון חיים ליבערמאן, פריי־טאג, דעם 4טען מארטש, 8 אין אווענט, אין מעקינלי סק. גארדען, 1258 באסטאן ראוד, בראנקס.

חיים ליבערמאן וועט דיסקוטירען די פראגע פון געשלעכט אין דער ליטעראטור היינטיגען פרייטאג, דעם 4טען מארטש, 8 אזייגער אין אווענט, אין מעקינלי סק. גארדען, 1258 באסטאן ראוד, בראנקס. ער האט די פראגע ניט געקענט אויפנעה־מען לעצטע וואך, ווייל ער איז געווען ניט געזונט, און ב. דזש. ר. סטאלפער וועלכער גיט א קורס אין ליטעראטור אין אונזער ארבייטער אוניווערסיטעט, האט פארנו־מען זיין פלאץ. חיים ליבערמאן וועט אבער זיכער דיסקוטירען די פראגע היינ־טיגען פרייטאג, דעם 4טען מארטש.

די געשלעכטס פראגע פארנעמט זעהר א פראמינענטען פלאץ אין דער ליטעראַ־טור און אין דער דראמע און מיר זיינען זיכער, אז די לעקציע וועט זיין זעהר אינ־טערעסאנט און פון גרויס בילדונגס ווערט.

דאס איז ליבערמאנ'ס אכטע לעקציע פון זיין קורס איבער „ליטעראטור און לעבען". דיזע דיסקוסיעס וועלען פארט־געזעצט ווערען יעדען פרייטאג אווענט אין פארלויף פון גאנצען סיזאן אין דעם זעלבען פלאץ, 8 אזייגער אין אווענט.

איינטריט פריי פאר מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלעם באקאנט ווערען.

ענטפערס פון רעדאקציע

י. סעראטיק, לאקאל 9. — מיר וועלען נאכזעהן ווארום מען האט אייך, ווי איהר זאגט, אויפגעהערט שיקען די „גערעכטיג־קייט". עס מאכט זיך אמאל, אז אן אדרעס „פאלט ארויס" פון דער „מיילינג ליסט" און די צייטונג הערט אויף אנקומען. הלוואי זאל זיך עס ניט טרעפען ווי עס טרעפט זיך.

ז. וו. — צוליב דעם וואס וואשינגטאנ'ס געבורטסטאג איז געווען דינסטאג און אונזער שאפ איז געווען פארמאכט, האט ניט גע־האלפען אפילו דער „ספעשעל דעליווערי". עס איז אנגעקומען צו שפעט פאר'ן לעצטען נומער און ווערט געדרוקט אין דעם היינטי־גען נומער.

ב. וו. פון ריווינגטאן סט. — מיר דרו־קען ניט קיינע בריף, ווען מיר ווייסען ניט, ווער עס איז דער שרייבער פון די בריף. ב. וו. זאגט גאר ניט. אונטער'ן ב. מיט צוויי וואוו'ען קאן זיך פארשטעקען ווער ווייס ווער. און מיר זעהען איבערהויפט ניט אין, ווארום איהר האט מורא געהאט אונטערצו־שרייבען אייער פולען נאמען אונטער אזא אומשולדיגען בריוועל. איהר זייט געווען אויף א לעקציע פון ש. ניגער. ער האט גע־רעדט אויף דער טעמא: „ביכער זיינען אונזערע פריינד און פיינד", און איהר זייט ניט איינשטימיג מיט אלץ וואס ער האט גע־זאגט. נו איז וואס? דארפט איהר מורא האבען אונטערצושרייבען דעם נאמען אונטער אזא בריוועל? אויב איהר ווילט מיר זאלען דרוקען אייערען א בריף, וועט איהר דארפען טאן צוויי זאכען: ערשטענס, אנגעבען אייער נאמען. צווייטענס, אנווייזען אביסעלע קלא־רער און ברייטער ווארום איהר זייט ניט איינשטימיג מיט דעם וואס ש. ניגער האט געזאגט. דריטענס, וואלט אויך ניט שאדען איהר זאלט אליין זאגען וואס איהר דענקט וועגען דעם. דאן וואלט עס זיכער געווען א אינטערעסאנטע דיסקוסיע.

מ. ל—ן. — מיר פיהלען זיך באמת שולדיג, וואס מיר האבען אין די לעצטע עטליכע וואכען ניט געקאנט נאכקומען אונזער אפמאך און דרוקען אייערע זאכען רעגעלמע־סיג. ווי איהר האט עס געוויס באמערקט אין דער צייטונג, זיינען מיר אין קריג. און אין צייט פון מלחמה זיינען ניטא קיינע אפמאכען. מלחמה ברענגט מיט זיך נייע סיטואציעס, און נייע אומשטענדען, און פון מלחמה קומט אויס צו ליידען, ניט נאר די פון נאהענט, נאר אויך די פון דער ווייט! אייערע ארטיק־לען וואס מיר האבען וועלען אלע געדרוקט ווערען פון צייט צו צייט. אפשר וועלען מיר איצט שוין קאנען זיין אביסעל פינקטליכער.

סעמועל לערנער, לאקאל 22 און ס. קוטשער לאקאל 38. — אייער בקשה וועט ערפילט ווערען. מיר האבען איבערגעגעבען אייערע אדרעסען אין מיילינג דעפארטמענט און איהר וועט באקומען די צייטונג.

מ. ציינקין, לאקאל 22. — „זיין נייע דירה" וועט זיין געדרוקט. איהר וועט אבער מוזען אביסעלע ווארטען אויף א „נעקסט".

מ. הערשונאוו. — אייער מאנאלאג וועט קירצליך פארעפענטליכט ווערען, מיט א פאר ענדערונגען וואס מען האט געמוזט מאכען כדי צו מאכען עס זאל זיין „דרוקבאר".

ז. פיליפס, לאקאל 9. — יע, דער „פרא־סאניס" לייבעל איז א יוניאן לייבעל. אייער מיינונג, אז וויבאלד אויף דעם לייבעל פעלט דאס ווארט יוניאן, דארף די יוניאן זיך פאר איהם ניט איינשטעלען, איז זעהר א פאלשע. דער „פראסאניס" לייבעל ווערט געגעבען נאר צו אזוינע מאנופעקטשורערס, וואס האבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן און וואס האלטען אויף א סאניטארי יוניאן־שאפ. קיין סקעב־שאפ קאן דעם לייבעל ניט באקומען. עס מיינט, אלזא, אז דער „פראסאניס" לייבעל אויף א גארמענט איז א צייכען, אז דער גארמענט איז געמאכט געווארען אין א יוניאן שאפ. דאס מיינט, אז דער „פראסאניס" ליי־בעל דינט אבסאלוט דעם זעלבען צוועק, ווי אלע אנדערע יוניאן־לייבעלס. דאס הייסט, די לייבעלס וועלכע האבען אויף זיך דאס ווארט יוניאן. און דאריבער שטעלט זיך די יוניאן אזוי איין פאר דעם „פראסאניס" לייבעל, און דעריבער דארף אויך זיין די פליכט פון אלע יוניאן־לייט צו קאאפערירען מיט דער יוניאן און זעהן, אז דער לייבעל זאל אנגענעהמט ווע־רען אויף יעדען גארמענט וואס ווערט גע־מאכט אין א יוניאן־שאפ. דאס וועט פאר־טרייבען פון מארקעט די סקעב־ארבייט.

ספעשעל נאטיס.

שאפ־טשערליים פון אלע רעד־זשיסטרירטע קלאוק שעפער זיינען געבעטען ארייצושיקען זייערע נע־מען, אדרעסען און לאקאל און לעד־זשער נומערס צו טשארלס דזשייק־אבסאן, אין אפיס פון דער אינטער־נעשאנאל, 3 וועסט 16טע סטריט, אויפ'ן 2טען פלאר.

צעהן יאָהר אידישער קונסט־טעאַטער

אויף דער צווייטער עוועניו, און אביסעל אריבער, אזש דאָרטען אין דעם אריסטאָקראַטישען „בילטמאָר האָטעל“, אויף דער 5טער עוועניו, איז די וואָך געפייערט געוואָרען דער צעהן־יאָהריגער יובילײ פון דעם אידישען קונסט־טעאַטער. דאָס מיינט צעהן יאָהר ביהנע־טעטיגקייט, צעהן יאָהר פון א זעהר גרויסער אנשטרענגונג פון מאָרים שוואַרץ, דער גרינדער, דירעקטאָר און אויפהאַלטער פון דעם אידישען קונסט־טעאַטער.

ווען א אידישער אינטעליגענט, וואָס קומט איצט אָן אין ניו יאָרק, וואָלט באַזוכט דעם אידישען קונסט טעאַטער אויף דער 2טער עוועניו און 12טע גאַס, און באַטראַכט אַט דעם שעהנעם, פּרעכטיגען קונסט־טעאַטער, פון אויסענווייניג און פון אינעווייניג, וואָלט ער אודאי מיינען, אַז דאָס איז א זעהר רייכע, איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען פון עפּעס אַן אמעריקאַנעם פילאַנטראָפּישען מיליאָנער. עס וואָלט געווען גאַנץ שווער אַזאַ איינעם צו דערקלערען, אַז אַט דער שעהנער, פּרעכטיגער קונסט־טעמפּעל, וואָס איז א כבוד און שטאָלץ פאַר דער אידישער באַפעלקערונג פון ניו יאָרק, און באַזונדערס פאַר דעם קולטורעלען ניו יאָרק, — איז נישט געשאַפען געוואָרען פון מיליאָנערען אדער פילאַנטראָפּען. און ווען מען זאָל נאָך דעם „גרינעם“ אינטעליגענט דערציילען, אַז אַט דער אידישער קונסט־טעאַטער איז געשאַפען געוואָרען פון א פאַרהעלטניסמעסיג אָרימען אַקטיאָר, וואָס האָט מיט צעהן יאָהר צוריק פאַרמאָגט ניט מעהר ווי א רייכע פאַנטאַזיע, וואָלט ער אודאי ניט געוואָלט גלויבען.

און דאָך איז עס א פאַקט.

מיט צעהן יאָהר צוריק האָט ניו יאָרק נאָך ניט געהאַט קיין אידישען קונסט־טעאַטער. עס זיינען שוין דעמאָלט געווען מענשען אין דער סאָציאַליסטישער און ראַדיקאַלער וועלט אויף דער אידישער גאַס, וואָס האָבען זיך אַרומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק צו שאַפען א אידישען קונסט־טעאַטער, צו שאַפען א היים פאַר די בעסערע פּיעסע, אבער זייער השגה איז געווען א צו שמאָלע, זייער פאַנטאַזיע איז ניט ווייט געגאַנגען. זיי האָבען זיך באַנוגענט מיט א קליינער קלייזעל, ווי א „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב“, וואָס האָט פון צייט צו צייט אויפגעפיהרט עפּעס א בעסערע זאַך, ווי די וואָס זיינען געשפּיעלט געוואָרען אין די „רעגעלע“ טעאַטערס פון יענער צייט. מען האָט גערעדט פון שאַפען א אידישען קונסט טעאַטער, אבער אין דער אמת'ען איז מען געבליבען ביי די רייד. קיין פּראַקטישע רעזולטאַטען האָט עס ניט געבראַכט.

און אַט האָט זיך באַוויזען א מאָרים שוואַרץ, א יונגער „שוישפּילער“, וואָס האָט, דאַכט זיך, אנגעהויבען זיין קאַריערע מיט אימיטאַציעס, מיט נאָכמאַכען די שטימע, די האַוואַיעס און דאָס שפּילען פון די דעמאָלט באַריהמטע אידישע קינסטלער — אדלער, קעסלער און די

מאָרים שוואַרץ א מתנה

פון ל. פינקעלשטיין.

אנדערע, און ער איז גיך פּאָפּולער געוואָרען ביים אידישען עולם. אין זיין אימיטירען די גדולים פון דער אידישער ביהנע האָט ער ארויסגעוויזען אזוי פיעל טאַלאַנט, קלונשאַפט, סאַטירע און סאַרקאַזם, דאָס עס האָט איהם גאַנץ גיך באַליעבט געמאַכט ביי דעם אינטעליגענטען עולם פון ניו יאָרק.

און אַט דער מאָרים שוואַרץ, דעמאָלט אַן אָרימער אַקטיאָר, האָט זיך געזאָגט: „איך וועל זיך ניט אָפּשטעלען ביי דאָס נאָכמאַכען די גרויסע אַקטיאָרען, צי אויף אַן אמת, צי אויף שפּאַס, איך מוז אַליין גרויס ווערען!“

און ער איז געוואָרען דער מאָרים שוואַרץ, דער דירעקטאָר פון דעם שעהנעם אידישען טעאַטער אין דער רייכער שטאָדט ניו יאָרק.

אחוץ דעם, וואָס מאָרים שוואַרץ איז א קינסטלער מיט אַן איידעלען טעמפּעראַמענט, האָט ער אויך א שטאַרקען ווילען צו דיענען דער בעסערער קונסט. און צו דעם איז ער נאָך געבענשט פון דער נאַטור מיט א מערקווירדיגער ענערגיע און אונטערנעהמונגס־גייסט. ער איז פון יענע מענשען, וואָס וואַגען אַלץ, וואָס אונטערנעהמען אַזוינס, וואָס אַנדערע מענשען פון אָרום זיי האַלטען פאַר ניט „דורכפיהרבאַר“, און פאַר ניט פּראַקטיש. ער איז גראָדע פון די מענשען, וואָס האָבען ליעב זיך צו פאַרנעהמען מיט דאָס ניט פּראַקטישעס און מיט דאָס ניט דורכפיהרבאַרעס, — אַן אידעאַליסט פון דער טעאַטער און ביהנע־וועלט. און ווען ער מיט זיין רייכער פאַנטאַזיע און זיין גרויסער ענערגיע און שטאַרקען ווילען האָט עס געמאַכט פאַר זיין אידעאַל צו שאַפען א אידישען קונסט טעאַטער, האָט ער שוין דורכגעבראַכט אַלע שווערינקייטען; האָט ער אָפּגעראַמט פון וועג אַלע שטיינער און דערנער און עס איז אויסגעוואַקסען אויף דער 2טער עוועניו דער שעהנער קונסט־טעמפּעל, וואָס טראָגט אויף זיך די ווערטער: „מאָרים שוואַרץ אידישער קונסט טעאַטער“...

און עס וואָלט געווען א טעות צו דענקען, אז דאָס איז איהם לייכט אנגעקומען. אָ, ניין! די געשיכטע פון דעם אידישען קונסט־טעאַטער איז א געשיכטע פול מיט ליידען, פול מיט צער און עגמת נפש. עס איז א געשיכטע פון ניט דערגעסענע מאַלצייטען און ניט דערשלאָפענע נעכט, ווי דאָס איז דער גורל פון אַלע פּיאָנירען, פון אַלע די, וואָס וואַגען צו באַטרעטען א נייעם וועג, און איבערהויפּט נאָך א אומפּראַקטישען. א וועלט מיט ליידען שטעקט הינטער דעם פּרעכטיגען טעמפּעל. א וועלט מיט קאָפּ־דרייעניש, זאָרג און צרות! וויפיעל מאָל אין די צעהן יאָהר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער אידישער קונסט טעאַטער געהאַלטען ביים צוזאַמענברעכען, ביים פאַנאַנדערפאַלען... עס איז אַנגעקומען גאַנץ שווער איינצוגעוואוינען אַן עולם צו געהן אין א קונסט טעאַטער זיך צו אַמוזירען ביי א בעסערער פאַרשטעלונג.

אבער דערפאַר איז איצטער אַלץ גרעסער די שמחה. ווי אין פּסוק שטעהט: הזורעים בדמעה ברינה יקצורו, — אז מען זייהט מיט טרעהרען, שניידט מען מיט געזאַנג.

אבער ניט אייביג איז דער פּסוק ריכטיג. גאַנץ אָפט זעהט מען מיט טרעהרען און מען שניידט מיט געוויין. נאָר מאָרים שוואַרץ מיט זיין גרויסער ענערגיע און שטאַרקען ווילען האָט עס געקאָנט באַוויזען, — פון נאָך נישט צו שאַפען אַזאַ שעהנע, רייכע אינסטיטוציע, אָהנע אירגענד וועלכע „סובסידיעס“, נדבות, הייסט עס, פון פילאַנטראָפּען אדער א רעגירונג. און וואו, איך בעט אייך, אין אמעריקא צי אין אייראָפּא, עקזיסטירט ערגעץ א קונסט טעאַטער, וואָס ווערט ניט „סובסידירט“, געשטיצט פון דער רעגירונג, אדער פון פילאַנטראָפּען? אין דעם פּרט האָט שוואַרץ איינפאַך באַוויזען וואונדער, און דער יום טוב, וואָס ווערט איצט געפייערט צו דער 10־יאָהריגער עקזיסטענץ פון דעם אידישען קונסט־טעאַטער איז א גאַנץ בארעכטיגטער. מאָרים שוואַרץ האָט מיט זיין אויפטו אויף דעם געביט פון אידישען טעאַטער זיכער פאַרדינט מען זאָל איהם מאַכען א יום־טוב, מען זאָל איהם געבען א יובילײ.

* * *

די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבייטער זיינען שטענדיג געשטאַנען פאַר אַלץ וואָס איז גוט און שעהן אין דעם קולטורעלען לעבען, און די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבייטער האָבען גענומען א גרויסען חלק אין דעם, וואָס דער אידישער קונסט טעאַטער האָט דערגרייכט זיין איצטיגען שטאַנד. די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָבען שטענדיג געגאַרט נאָך א בעסערען טעאַטער און האָבען א סך געהאָלפען דעם אידישען קונסט טעאַטער וואַקסען, זיך אַנטוויקלען. און מיר קאָנען דאַריבער, מיט א ריינעם געוויסען, שיקען מאָרים שוואַרץ אונזער האַרציגען מזל טוב, אין נאָמען פון די לעזער פון אונזער צייטונג און די מיטגלידער פון אונזער יוניאָן.

צום שלום וואָלט ניט שאַדען צו דערמאָהנען, דאָס פּונקט אַזוי גוט ווי מיר ווייסען די מעלות פון מאָרים שוואַרץ, ווייסען מיר אויך זיינע חסרונות. מיר ווייסען, דאָס ווי גרויס עס איז דער ערפאָלג פון דעם אידישען קונסט־טעאַטער, וועמעס צעהן־יאָהריגער יובילײ עס ווערט איצט געפייערט, און מיט רעכט האָט דער ערפאָלג געקאָנט זיין נאָך גרעסער, ווען מאַנכע פעהלערן וואָלטען ניט באַגאַנגען געוואָרען.

אבער עס מוז נישט אַלץ גענומען ווערען מיטאַמאָל, אין איין צייט. מיר וועלען עס קאָנען טאָן א צווייטען מאָל. צו וואָס איהם איצט פאַרשטערען די שמחה? היינט איז א יום טוב און לאָמיר פריילאך זיין! היינט האָבען מיר בלויז איין וואונש, — צו ווינשען דעם אידישען קונסט־טעאַטער אַלץ א גרעסערען ערפאָלג און נאָך א שעהנערען און בעסערען דאַ־זיין.

מיר ווייסען אויך, אז ביי דער געלעגענהייט וואָלט זיך גוט געפּאַסט צו געבען אַן איבערבליק איבער דעם גאַנצען רעפּערטואַר פון דעם אידישען קונסט טעאַטער אין די צעהן יאָהר פון זיין לעבען. און דאָ וואָלטען מיר קאָנען אָנווייזען, וואָס מען האָט יאָ געדאַרפט אויפפיהרען און וואָס ניט, און דערביי אָנווייזען אויף דעם ליטעראַרישען ווערט פון די אמת גוטע פּיעסען, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרען אויף דער ביהנע פון אידישען קונסט־טעאַטער, און אויף די ווערטלאָזיגקייט פון מאַנכע פּיעסען, וואָס זיינען דאָרט פון צייט צו צייט אויפגעפיהרט געוואָרען. אבער אויך דאָס קאָן מען איבערלאָזען פאַר א צווייטען מאָל.

הערבסט שטימונג

פון ל. פּערלשטיין.

די בוימער ווערען נאַקעט,
עס פאַלען אָפּ די בלעטער.

דאָך בין איך זיי מקנא —
זיי האָפען דאָך אז שפּעטער,
ווען דער הערבסט וועט אוועק,
און ווינטער וועט פאַרביי,
וועט פריהלינג ווידער קומען
און באַדעקען זיי אויפ'ס ניי.

איך קען אבער ניט האָפען,
ווי אין וואַלד די בוימער,
אז נאָך מיין לאַנגען ווינטער
וועט קומען א ל"ג בעומר.

אין הערבסט פון מיינע יאָהרען,
אין טיפען צער אין שטומען,
ווייס איך אז מיין פריהלינג
וועט מעהר צו מיר ניט קומען!...

150 צדיקים

(פעליעטאָן)

פון ז. וואָהלער

הכלל, ניו יאָרק איז געראַטעוועט. ניו יאָרק, די שטאָדט פון זינד און זינדער, וועט שוין ניט חרוב ווערען, אַזוי ווי סדום און עמורה. אינ'ם זכות פון די 150 צדיקים און בעלי תשובות, וועט די שטאָדט ניו יאָרק בלייבען עקזיסטירען.

יאָ, ניו יאָרק פאַרמאָגט נאָך גאַנצע 150 צדיקים. אפילו שווער צו גלויבען; לויט דעם גוואַלד וואָס מען האָט לעצטענס אויפגעהויבען האָט מען טאַקע באמת געקאָנט גלויבען, אז ניו יאָרק איז שוין פאַרפלייצט מיט זינד דורך. און דורך. נאָר וואָס האָט די פּאָליס געקענט העלפען? אַרעסטירען די אַקטיאָרען פון די „זינדיגע“ פּיעסען און שליסען די טעאַטערס, האָט מען אפשר אויף א טאָג אדער צוויי פאַרשטעלט איין אויג פון דעם טייפעל. קיין בעלי־תשובות האָט מען אבער דערמיט ניט געמאַכט. פאַרקעהרט, עס איז נאָר א סברא, אז דערמיט האָט מען נאָך מעהר צורייצט די פאַנטאַזיעס און געשאַפען מעהר חשק צו זעהן די „זינדיגע“ פּיעסען.

א שטאָדט וואָס איז פול מיט זינד קאָן אבער ניט בלייבען עקזיסטירען. א שטאָדט מוז האָבען הייליגע אין וועמעס זכות זי זאָל לעבען און געדייהען. וואו זשע אבער נעמט מען הייליגע אין ניו יאָרק? אז די לופט אפילו אין ניו יאָרק איז שוין זינדיג. קומט נאָר צופאָהרען קיין ניו יאָרק א פרומער און גאָטספאָרכטיגער מענש פון דער פּראָווינץ, איז גענוג, אז ער זאָל איין נאַכט איבערנעכטיגען, ווערט ער שוין פאַרכאַפּט פון דער ניו יאָרקער לופט און בלייבט שוין א זינדיגער אויפ'ן גאַנצען לעבען. עס מאַכט ניט אויס צי ער זינדיגט יאָ, צי ער זינדיגט ניט...

און אז עס איז שוין געוואָרען פאַרפּילט די מאָס, אויף דער וואַגשאַל האָבען די זינד שוין אריבערגעוואויגען ווייט, ווייט אַרונטער און עס איז אויסגעקומען, אז די גרויסע שטאָדט ניו־יאָרק דאַרף חרוב ווערען — איז דאָך מסתמא געוואָרען א געוואַלד: סטײַטש, אַזאַ שטאָדט ווי ניו יאָרק זאָל נאָר חרוב ווערען? מענשען האָבען אריינגעלעגט אַזוי פיל געלד אין „ריעל עסטייט“, מען האָט אויפגעבויט אַזוי פיל גרויסע געשעפטען — ווי קאָן מען דערלאָזען חרוב מאַכען אַזאַ שטאָדט פון פּרנסה און פון פאַרגעניגענס?

נאָר טענה אהער, טענה אהין, אַזוי איז דער גזר.

האָבען, ווי מיר ווייסען שוין, די פּאָליס און די שטאָדט־טאַטעס זיך גלייך ארויסגעלאָזט ראַטעווען ניו יאָרק: מען האָט אנגעהויבען רייניגען טעאַטערס, קאַבאַרעטס און אַנדערע זינדיגע ערטער. מען האָט געהאַפט און געגלויבט, אז מען וועט אַזוי אַרום צורייסען דעם גזר און ראַטעווען ניו יאָרק.

אבער דער טייפעל איז זיך געשטאַנען און געלאַכט:

— אז איהר זאָלט אפילו שוין אויסרייניגען די גאַנצע שטאָדט זינד — האָט ער לאַכענדיג געזאָגט — וועט איהר נאָך אַלץ ניו יאָרק ניט ראַטעווען. ווייל א שטאָדט מוז האָבען צדיקים אין וועמעס זכות זי לעבט און עקזיסטירט, און ניו יאָרק האָט ניט קיין צדיקים.

איז דאָך שוין ווייטער שלעכט, וואָס טוט מען אצינד?

האָבען מיר דאָך אבער א גרויסען נס, שיקט ער אַרונטער קיין ניו יאָרק די גלח'טע איימי סעמפּעל מעק'פערסאָן און זי האַלט אָפּ דריי טעג פון תשובה טאָן, און גאַנצע 150 בעלי תשובה באַווייזען זיך אין ניו יאָרק — און ניו־יאָרק איז שוין געראַטעוועט.

דאָס וואָס דער גאַנצער פּאָליס דעפּאַרטמענט און די גאַנצע שטאָדט אַדמיניסטראַציע האָבען ניט געקאָנט אויפטאָן, האָט די שעהנע, רויטע גלח'טע אויפגעטאָן אין דריי טעג צייט.

די מאַכט פון א פרוי!

מעהר ווי זעקס טויזענט מענשען זיינען געקומען אין ניו יאָרק צו איהר'ע „גאָטעס דינסט“ און געהערט איהרע דרשות און געזונגען מיט איהר „הללויה“ און פון די זעקס טויזענט, האָבען גאַנצע 150 זיך ערקלערט פאַר בעלי תשובות און זיינען געוואָרען די צדיקים פון ניו יאָרק. מרס. מעק'פערסאָן, זאָגט מען, האָט צום עסק ניט דערלייגט. די קאָלעקשאָנס ביי די מיטינגען זיינען געווען מיט א פרייער האַנט, אַזוי אז עס וועט איהר פאַרבלייבען גענוג אויף עקספּענסעס צוריק קיין קאַליפאָרניע.

דאָס איז דאָך, אגב אורחא, די וועלבע מרס. מעק'פערסאָן וועלכע האָט פאַראורזאַכט לעצטען זומער א סענסאַציע אין לאַנד ווען זי האָט דערצעהלט א מעשה, אז מען האָט זי „געקידנעפּט“ און געהאַלטען געפאַנגען אין א וואַלד. און נאָכדעם האָט זיך ארויסגעוויזען, אז זי האָט נאָר פאַרבראַכט ערגעץ אויף אַן איינזאַמען פּלאַץ מיט א געליבטען — אבער דערמיט באַשעפטיגט זיך איצט א גרענד דזשורי אין קאַליפאָרניע און מיר טאָרען זיך ניט אריינמישען אין דער גערעכטיגקייט פון אַן אַנדער סטייט.

פאַר אונז איז וויכטיג דער פאַקט, אז די יונגע, שעהנע גלח'טע איז געקומען קיין ניו יאָרק אין אַזאַ קריטישען מאָמענט און מיט עטליכע דרשות און תפילות, האָט זי געמאַכט פון 150 זינדער אמת'ע בעלי תשובות און דערמיט געראַטעוועט די שטאָדט ניו יאָרק פון אונטערגאַנג. דאָס איינציגע וואָס מען דאַרף נאָר איצט זעהן איז אז דער עולם זאָל אויפ'ן חשבון פון די 150 צדיקים ניט נעמען איבערטרייבען נאָך מעהר זינדיגען — דאָס וואָלט שוין געווען ניט יושר'דיג...

קאנפערענצן מיט ווייט גודס מאנופעקטשורערס ברענגען נישט קיין רעזולטאטען

(שלוס פון זייט 1)

גען די פארהאנדלונגען מיט די באלעבאטים, און די מעמבערשיפ וועט דארפען באשטימען, צי עס זאל גערופען ווערען א סטרייק אין טרייד, צי ניט. די צייט און פלאץ פון מיטינג וועט באקאנט געמאכט ווערען די טעג.

די ווייט גודס װאירקערס יוניאן בעט אונז אויפמערקזאם צו מאכען די מיטגלידער, אז זיי זאלען זיך ניט צוהערען צו קיינע קלאנגען, וואס ווערען פארשפרייט אין און ארום די שעפער. טומלענישען אין אזא צייט קען קיין שום נוצען ניט ברענגען. פארקערט, עס קען פיעל שאדען ברענגען. די מעמבערס זאלען האבען געדולד ביז דעם גענעראל מעמבער מיטינג. ביים מיטינג וועט אלעס קלאר ווערען.

עס איז אויך העכסט ווינשענסווערט, אז די מעמבערס זאלען קומען אין אפיס פון דער יוניאן און אפצאהלען זייערע שולדען. די יוניאן וועט זיך נויטיגען אין געלד, אויב עס זאל איהר אויסקומען אנצופיהרען אן אפענעם קאמף מיט די באלעבאטים פאר די פארערונגען, וועלכע צילען צו מאכען דאס לעבען פון די ארבייטער אין די שעפער בעסער און שענער. די יוניאן מוז זיין פארבארייטעט מיט אלע מיטלען, און די מיטלען קענען געשאפען ווערען פון די מעמבערס.

דארום אפעלירט די יוניאן נאך א מאל צו אלע מעמבערס, אז זיי זאלען ניט אפלייגען אויף שפעטער, נאר גלייך באצאהלען וואס זיי זיינען שולדיג, און ווייזען דערמיט, אז זיי שטעהען מיט דער יוניאן און זיינען באריט איהר צו העלפען און דערמיט זיך צו העלפען, באקומענדיג בעסערע ארבייטס-באדינגונגען.

סקוירטמאכער

מעמבערס פון לאקאל 23, אויפמערקזאם!

עלעקשאן פאר אפיסערס פון לאקאל

וועט שטאטפינדען

דאנערשטאג, דעם 10טען מארטש

אין לאקאל אפיס — 231 איסט 14טע סטריט, ניו יארק

פון 4 אזייגער נאכמיטאג ביז 9 אין אווענט.

פאלגענדע אפיסערס וועלען דארפען ערוועהלט ווערען:

א מענעדזשער — טרא סטיס
א רעליף קאמיטע — עקז. באארד מיטגלידער

וואוטען וועט מען קענען נאר מיט די נייע יוניאן ביכלאך.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23

מ. קאנסקי, טשערמאן. — ל. פינקאווסקי, מענעדזשער.

פרעסערס פון קלאוקס

מיר מעלדען אייך איהר זאלט אויסשניידען דיזען אדווערטייזמענט און באהאלטען ביי אייך אין פאקעט, ווייל איהר וועט אונז דארפען האבען

מיר האבען געמופט

פון 123 פינפטע עווניו, צו

321 פינפטע עוו.

ביי דער 32טער סטריט, 1טען פלאר.

מיר האבען אויפגעפיקסט עקסטרא פאקיטארי ווייטער ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט, פלאש און בעליוויע. מיר האבען אויך די בעסטע סטימערס אין מארקעט, פרודוסירן סטים מיט א גאראנטיע אויף פינקינג מאשינס.

מיר לאדען איין אלע פרעסערס, דעזיינערס און באסעס צו קומען זעהן די נייע מאדעלס פון די ווייער ברעטלעך און סטימערס. אלע זיינען ווילקאמען!

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבאארד קאמפאני

321 פינפטע עוו., ניו יארק

טעלעפאן: אשלאנד 6650 און 6651.

קאונטרי ארדערס שנעל אטענדעט.

די אידישע אגריקולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויף פינפטע וועגען פארמערי. און זיי זיך אויף בוחיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

ניט קיינע רעפערענסעס אייערע איהר בארעט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און סעט קיין ... פרייע ...

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.

301 E. 14th St. New York City

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פעדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך

נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאר גארמענטס.

די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער

עגזיסטירט איבער 50 יאהר.

די סקול האט ערדייכט

נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.

א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א בעלדיגע שטעלע און גוטע פיידזשעס.

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.

באזונדערע לעסאנס וועט געגעבען ווערען אין אייער אייגענער שפראך, אום איהר זאלט אלעס פארשטעהן.

די באוויגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכט. מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן קאמפאני אין אמעריקא און פיר פארקויפען פעשיאנס און שניידען אלערליי פעטערנס.

טאג און אווענט קלאסען.

... קלאסען, סאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקוהל.

שרייבט פערזענליך פאר פרייע אינפארמאציע.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. — טעלעפאן וויסקאנזין 1970.

קלאוק פינישערס פון לאק. 9

א. ל. ג. וו. י., אויפמערקזאם!

די פאלגענדע מעמבערס זיינען נאמינירט געווארען אלס קאנדידאטען פאר בעאמטע פון אונזער לאקאל פאר'ן קומענדען טערמין.

פאר מענעדזשער:

נ. קוירצמאן — פ. ריין — מ. פליישער

פאר טשערמאן:

ל. קאופמאן — ב. ראזענבערג — ס. אמיסלאווסקי — פ. ריין
נ. קוירצמאן — פ. בערמאן — דזש. פארטנאי

פאר עקזעקוטיוו באארד דעלעגאטען:

אמיסלאווסקי, ס.	גאלדשטיין, מ.	ליסס, נ.	שווארטץ, י.
ברעדשניידער, מ.	גרינבוש, דזש.	לאנגליב, הילדא	שערמאן, ס.
בערמאן, ס.	גארדהער, ה.	לעדער, ב.	סאבעל, ס.
בלאט	גלאזאף	מילער	סאבעל, ג.
ביילין, דזש.	הובערמאן, ב.	מיינער, ד.	שטיינבערג, נ.
בערמאן, י.	הארוויטש	מאסקאוויטש ב.	וואכטעל, ה.
בארנשטיין	קילבערג	מענדעס, ד.	שניידערמאן, ס.
בעקאוויצי, ס.	קיפנעס, מ.	ניומאן, ה.	סלאבאדא
קאהען, פה.	קוירצמאן, נ.	פארטנאי, דזש.	סאמער, סיליא
קאהען, י.	קראוויץ, מ.	ראזענבערג, ב.	סאלטצבערג, ה.
דענן, ה.	קינדזשערסקי	רובין א.	שניידער
דאבקין	קראוויטץ	רודניצקי, פ.	סעמיועלס
עלפערט, א.	קאופמאן	ריין, פ.	מאלקאף
פליישער מ.	לייטמאן	רוסאנאף	ווינאטצקי
פרידמאן, דזש.	לעפקאוויטש מ.	ראכלין, ל.	וואללאך
פעדערמאן, רעבעקא	ליסמאן	ראבינאוויטש, ס.	ווארטצעל
פריעדמאן, מ.	לובין, ס.	סאקאפסקי, א.	צוקערמאן, ס.
		שניידער	ויידמאן

די אבדזשעקשאן און עקזאמינישאן קאמיטע וועט מיטען שבת דעם 5טען מערץ, 10 אזייגער אין דער פריה, אין 231 איסט 14טע סטריט.

די יעניגע וואס האבען אבדזשעקשאנס געגען אירגענד וועלכען פון די אויבענדערמאנטע קאנדידאטען ווי אויך די קאנדידאטען זעלבסט זיינען געבעטען צו ערשיינען פאר דער אבדזשעקשאן קאמיטע מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 9, א. ל. ג. וו. י.

נ. קוירצמאן, טשערמאן. — פ. ריין, עקטינג מענעדזשער.

דער

ארבייטער רינג

אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $2,500,000.00
מיטגלידער — 83,000
בראנטשעס — 740

דער ארב. רינג שיצט זיך דען וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע ווענדעט זיך צו:

THE WORKMEN'S CIRCLE

175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

קויפט שיך מיט דעם יוניאן שטעמפעל

מיר ווענדען זיך צו אלע מיטגלידער פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט צו קויפען שיך וועלכע האבען דעם שטעמפעל פון אונזער יוניאן אויף דעם זויל, אינוויינציגסטער זויל, אדער אויף דעם לייניג פון שוך. מיר בעטען אייך ניט צו קויפען שיך, סיידען איהר זעהט אז דעם יוניאן שטעמפעל מיט אייערע אייגענע אויגען.

בוט אנד שוה װארקערס יוניאן

אפיליאייטעד מיט דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר

246 סאמער סטריט, באסטאן, מאסס.

קאליס לאוולי — טשארלס ל. בעין

גענעראל פרעזידענט — גענעראל סעקרעטער-טרעזשורער.

„ארט" באזארגט אידישע ארבייטער אין רוסלאנד מיט געצייג.

די „קאאפעראטיווע איינקויף געזעלשאפט" פון „ארט", וועלכע געפינט זיך אין לאנדאן, ענגלאנד, האט צוגעשיקט דעם אמעריקאנער „ארט" א באריכט, אז עס איז איהר געלונגען אבצושליסען אן אפמאך מיט דעם „פאלקס" קאמיסאריאט פאר אינעווייניגסטען האנדעל" אין סאוועט רוסלאנד פאר איבערשיקען אהין מאשינעס און רוי־מאטעריאל פאר די דארטיגע בעלי־מלאכות און ערד־ארבייטער.

דער באריכט זאגט צווישען אנדערעס:

„די „קאאפעראטיווע איינקויף געזעלשאפט" א ספעציעלע אינסטיטוציע פון „ארט" פאר דער פארזארגונג פון אידישע ארבייטסלייט מיט פראדוציר־מיטלען אויף קרעדיט, האט אין דער לעצטער צייט געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט גרעסערע קאאפעראטיווע בענק און אידישע קאאפעראטיווע ארגאניזאציעס אין רוסלאנד, זוכענדיג צו שאפען א פעסטען גרונד פאר דער ארבייט צו געבען אידישע בעלי־מלאכות מאשינעס, רוי־מאטעריאל און געצייג אויף זיכערען קרעדיט. דער רעזולטאט איז, אז אן אפמאך איז געשלאסען געווארען מיט דעם פאלקס קאמיסאריאט פאר אינעווייניגסטען האנדעל, וועלכער גיט דער איינקויף־געזעלשאפט די געזיכערטע מעגליכקייט צו באדינען די אידישע האנדווערקער און ערד ארבייטער מיט רוי־מאטעריאל און מכשירים אויף קרעדיט.

די „איינקויף־געזעלשאפט" האט דערוויל געשיקט איין טראנספארט מאשינעס און רוי־שטאף פאר פארשידענע מלאכות קיין לעניגראד אויף באשטעלונג פון דעם דארטיגען קאאפעראטיוו „טרוד". עס זיינען שוין אנגעקומען אויס'ן פלאץ און פארטיילט געווארען אויף קרעדיט פאר שניידעריי: נייכאישינעס, אונטערשלאק, קנעפ; 21 היטעל־מאכער־מאשינעס; 15 שטריק־מאשינעס; 2 גרויסע טריקאטאזש מאשינעס; 20 שוסטער מאשינעס; 5 שטעפער־שערף מאשינעס; לעדער (שעוורא און לאק), קאלקעס און אגראפען. א חוץ דעם מערעזשקע מאשינעס פאר גייטארינס. ס"ה אויף מעהר ווי 19 טויזענט דאלאר.

דער קרעדיט וועט דורך דעם דערמאנטען קאאפעראטיוו פינקטליך צוריקגעצאהלט ווערען.

א דאנק דעם וואס דער געצייג־טראנספארט פון דער „איינקויף געזעלשאפט" איז אנגעקומען אין צייט פאר דעם סעזאן, איז געלונגען אוועקצושטעלען אויף די פיס א גאנצע רייהע אידישע בעלי־מלאכות.

עס ווערט איצט צוגעגרייט די אויספיהרונג פון באשטעלונגען פון אידישע בעל־מלאכות אין אדעס, קיעוו, כארקאוו און אנדערע שטעדט. די אדרעסער אנפראגע איז נוגע דעם באדארף פון שניידער, שניידערקעס, שוסטער, שטעפער, טישלער, שלאסער, ווייגערמאכער פאבריק־מאכערס און אנדערע.



דאס פיינסטע הויז . . . אויף דער פיינסטער גאס אין אייער שטאדט . . . איז קיינמאל נים ביליג . . . עס איז אבער שטארק ווערטה עס צו באזיצען. עס לוינט זיך אלעמאל צו קעמפען פאר דעם בעסטען.

מיוראד איז נים קיין ביליגער סיגארעט אבער ער איז זעהר ווינשענסווערטה. עס איז אבסאלום ווערטה איהם צו האבען—דער אויסוואהל פון זעלטענעם טאבאק וואס מיוראד ענטהאלט גיט אייך. . . א געשמאק און אראמאט וואס ברענגט אויסערגעוועהנליכען פערגעניגען און צופריעדענהיים אינ'ם רויכערען.

MURAD

דער אויסערגעוועהנליכער סיגארעט פאר דעם אויסערגעוועהנליכען מאן, וועלכער פיהלט דאס ער איז בארעכטיגט צו די בעסערע זאכען אין לעבען.

היט אייך פאר א פארקיהלונג

א פערקיהלונג פיינט נעבאהר. מעהר וואס 150,000 מענשען א יאהר שטארבען פון ניו־מאניא אליין. און צעהנטויזענד אנדערע פראבלעם קומען פון פערקיהלונגען.

סטאפט א פערקיהלונג באלד פון אנפאנג. [illegible] עס איז רעם שנעלסטען, ווירקזאמסטען וועג. נעהמט הילל'ס קאסקארא ברמאיד קוואינין. עס שטעלט אב א פערקיהלונג אין 24 שטונדען, און גריפ אין 3 טעג. מיליאנען געברויכען עס יעצט, ווייל אין 25 יאהר האט נאך קיינער אויסגעפונען א בעסערען וועג צו סטאפען פערקיהלונגען.

פרוביט נים צו שוואכערע פילען ווען איהר קענט קריגען דיעזען. אלע דראגיסטען פערקויפען הילל'ס.

ווייס זיכער ס'איז — פרייז 80 ס.

HILL'S CASCARA QUININE BROMIDE

קריגט רויטע באקס — מיט'ן בילד

וואס אונזערע מעמבערס דארפען וויסען

מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע מעמבערס, אז די, וואס ווילען אריבערשיקען געלט אויף יום־טוב, קענען דאס טאן דורך דער

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

5טע עווענין, קארנער 21טע סט.

טוט דאס גלייך, וועלען זיי קריגען אין צייט. דורך אייער באנק קענט איהר שיקען געלט דורך פאסט, טעלעגראף און ראדיא. מיר האבען די בעסטע פארבינדונגען מיט אייער אלטער היים און מיר רעכענען בלויז די עקספענסעס, וואס עס קאסט אונז אליין.

International Union Bank

21st STREET AT 5th AVENUE

קלאוק אפערייטארס

לאקאל 2, א. ל. ג. וו. י., אויפמערקזאם!

די פאלגענדע מעמבערס זיינען נאמינירט געווארען פאר די אמטען:

פאר טשערמאן:

נאבלין, מ.	צוקערמאן, ר.	סטוירלינג, מ.	מאזער, ב.
קורינסקי, פ.	ליווויי, ל.	סטודענט, א.	הייפערלינג, ס.
באגנא, ס.	פרעס,	בלום, וו.	

פאר מענעדזשער און סעקרעטאר:

צוקערמאן, ר.	ראטענבערג	סטוירלינג, מ.	בלום, וו.
נאבלין, מ.	קאפלאן, ב.	פריעד, ה.	וואגנער
ליווויי, ל.	מילער, דזש.	קרייצער, פ.	גאלוב, ב.
חיינס, ג.	מאזער, ב.	קאפלאן, ב.	לעווינסאן, י.
קורינסקי, פ.	פיינבערג, מ.	שלעזינגער, ב.	

פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס:

אוירענלאנד, ת.	גערצמאן, דזש.	זלאטאגאס, וו.	מיללער, ב.
אברעמאוויטש, מ.	נעדעלסאן, מ.	לעווינסאן, ד.	ראשוואלד, מ.
אקערמאן, מ.	גאלדמאן, ג.	לעמב, ל.	ראזענטהאל, דזש.
אייבראמסאן, מ.	גודמאן, א.	ליווויי, ס.	רוסקין, מ.
אשפיז, ס.	גארבאוויטש, מ.	ליווויי, ל.	ראזען, א.
בראס,	גאלד, י.	לעווענסאן, דזש.	רודין,
באבייץ	גאלדבערג, י.	לאדעל, ל.	רעזניק, ס.
באגנא, ס.	גאלדשטיין, ל.	לעווענטהאל	ראזענאוויטש, ל.
בלום, וו.	גאלדפארב, ס.	לעווין, ה.	ראזענבערג, פ.
בערלינער, ל.	גאלדבערג, ל.	ליבאוויטש	שפיינהאזער, ז.
בראון, ס.	גארניק, ס.	ליווויי, א	סעלצער, ל.
בלום, ס.	האפשטיין, מ.	לין, דזש.	סענדערס,
בעקער, ל.	העקעל, ב.	משייקין,	מאסנער,
באראש, י.	היטמאן, י.	מילער, ה.	סטאלמאן, ב.
בענדער, ל.	הערשקאוויטש,	מיללער, דזש.	שווארץ, ס.
בראטקאפסקי, י.	הורשטריט, ס.	מונשיין, דזש.	סטוירלינג,
קופער, י.	הייפערלינג, ס.	לעווינסאן, י.	סטוירן
קאהען, ל.	חייקין, ס.	מאגולעפסקי,	שוסטערמאן, ת.
קאהען, י.	הארוויטש,	מייערסאן, דזש.	סטודענט, א.
אייבראמסאן, א.	האפשטיין, ה.	מאררים, ס.	סוירן, משה
דיבערשטיין	חיינס, ג.	מאזער, ב.	סענדבערג, א.
דאלענקא, ל.	הערמאן, י.	מילמאן,	סלאאן, ס.
דאלאבאפסקי, מ.	הערשקאוויטש, ס.	מארגולסקי, ל.	סטוירן, דזש.
דאלינקא, מ.	משערנאפסקי, א.	נייבין, ס.	סטוירן, מ. דזש.
פיינשטיין, ה.	קאץ, ל.	נאגאשינער, א.	ספיבדלער, א.
פרידמאן, דזש.	קאפלאן, ב.	נעש, מש.	שיופער, ה.
פריעד, ת.	קאפלאן, ב.	נאבלין, מ.	סטעמפלער
פרענקעל, ב.	קאץ, פ.	ארזיצער, ס.	שווערענסקי, דזש.
פינק,	קלאץ, ל.	פיקאף, ת.	סמיטה,
פיערשטיין	קאשעוויץ,	פראפשטיין,	סאלאמאן,
פרידמאן, ס.	קאופמאן, פ.	פינקוס, י.	שובין, ס.
פארשטאט	קליינבירג,	פארטנאוויטש, דזש.	סעק, מ.
פארבער	קלענעט, פ.	פאלאק, ר.	מאליס, ה.
פיינבערג, מ.	קאפמאן, ל.	פאמוכא, א.	יורמאן, ס.
גערשיקאף	קופער, דזש.	פוריק,	ווייסמאן, ק.
גאלוב, ב.	קוסין, ב.	פוירל,	וועכטער, ג.
גוטערסאן, י.	קרייצער, פ.	פארעץ,	ווילסאן, ס.
געלפערס, ל.	לאפידוס, ה.	פערציג, דזש.	ווינקלער, ל.
גענזער,	לאפידוס, ת.	ראזענצווייג, ל.	וואגנער, ה.
גרעגא, דזש.	לעווינסאן, מ.	פיקער, ג.	מעסנער, ת.
ווינשטיין, דזש.	וואלרסט, ס.	ראטענבערג, מ.	צוקערמאן, ר.
וועלער, פ.	ווינשטיין, י.	ווינשטיין, ת.	זעליג,
וואכטעל, י.	וויטבלאט,	וואגמאן, מ.	זאקשטיין
			צוקער

מעמבערס, וועלכע האבען עפעס אויסצוזעצען אדער אירגענד וועלכע אבדזשעקשאן נעגען די נאמינירטע קאנדידאטען זיינען געבעטען צו ברענגען די אבדזשעקשאנס צו דער עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע אין 3 וועסט 16טע סטרים. מיט ברודערליכען גרוס,

עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע

אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, ו.)
פון מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאָרקערס יוניאָן

Vol. IX. No. 10. New York, Friday, March 11, 1927 פרייטאג, 11טער מארטש, 1927 PRICE 3 CENTS

דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן שטעלט איין אלע אפיסעס און דעפארטמענטס

אלגענדע בעאמטע ווערען נאמינירט: פאר גענעראל מענעדזשער דזשאינט באארד, דזשוליוס האכמאן; פאר מענעדזשער פון דזשאבערס דעפארטמענט, דזש. האלפערין; פאר מענעדזשער פון אינדעפענדענט און דזשאבערס דעפארט., מ. פערלמוטער; פאר מענעדזשער פון פראטעקטיוו דיוויזשאן, איזידאר נאגלער; פאר דאון־טאון אפיס, ברודער דעסטי. — די ערוועהלונג פון די בעאמטע דארף גוטגעהייסען ווערען פון די לאקאל עקז. באארדס.

אויף דעם מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק־ און דרעסמאכער יוניאן, פאראכטאגען פרייטאג, האט דער דזש. באארד זיך גענומען איינצושטעלען די אלע אפיסעס אין דער יוניאן אויף א נארמאלען אופן, און עס זיינען געמאכט געווארען נאמינאציעס פאר מענעדזשערס פון די אלע אפיסעס און דעפארטמענטס פון דעם דזשאינט באארד. די פאלגענדע פערזאנען זיינען נאמינירט געווארען פון דעם דזשאינט באארד, און די נאמינאציעס דארפען גוטגעהייסען ווערען פון אלע לאקאלע עקזעקוטיוו באארדס, וואס זיינען פאראייניגט אין דעם דזשאינט באארד:

וויס־פרעזידענט דזשוליוס האכמאן, וועלכער איז ביז איצט געוועזען דער מענעדזשער פון דעם דרעס־דעפארטמענט, איז באשטימט געווארען אלס מענעדזשער פון גאנצען קלאוק און דרעס דזש. באארד. וויס־פרעזידענט האלפערן איז ערוועהלט געווארען אלס מענעדזשער פונ'ם דזשאבערס־דעפארטמענט; ברודער פערלמוטער איז נאמינירט געווארען אלס מענעדזשער פון אינדעפענדענט און אמעריקען דעפארטמענט; ברודער איזידאר נאגלער איז נאמינירט געווארען אלס מענעדזשער פון דעם פראטעקטיוו דעפארטמענט; און ברודער אלבערט דעסטי איז באשטימט געווארען אלס מענעדזשער פון דעם דאון־טאון אפיס.

ווען דיזע נאמינייישאנס, ווי שוין געזאגט, וועלען גוטגעהייסען ווערען פון די פארשידענע לאקאל עקזעקוטיוו באארדס, וועט די ארבייט פון דזשאינט באארד איינגעשטעלט ווערען אויף אן ארגאניזירטען און באשטענדיגען באזיס.

די נעמען פון די אלע נאמינירטע באאמטע זיינען גוט באקאנט צו אלע מיטגלידער פון דער קלאוק־ און דרעסמאכער יוניאן. אלע ווייסען זייער „סטענדינג" אין דער יוניאן און זייערע פעהיגקייטען. און עס איז קיין פראגע ניט, דאס זיי וועלען מאכען גוט אלס מענעדזשערס פון די אפיסעס און דעפארטמענטס אין דעם דזש. באארד, פאר וועלכע זיי זיינען נאמינירט

(שלוס אויף זייט 2)

אגרימענט באנייט אין לאס אנדזשעלעס קלאוק מארקעט

ברודער א. פלאטקין, דער מענעדזשער פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן אין לאס אנדזשעלעס, לאקאל 52, לאזט אונז וויסען, דאס נאך איינגע קאנפערענצען צווישען די פארשטעהער פון דער יוניאן און פארשטעהער פון דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, איז מען געקומען צו א פארשטענדיגונג און דער טרייד אגרימענט איז באנייט געווארען. אין דער צייט ווען די שורות ווערען געשריבען, ווייסען מיר נאך ניט די איינצעלהייטען פון דעם סעטעלמענט. מיר ערווארטען צו באקומען די איינצעלהייטען אין א קארעספאנדענץ פון דעם סעקרעטער פון לאקאל 52, ברודער רובינשטיין.

די באלעבאטים אין קלאוק מארקעט פון לאס אנדזשעלעס האבען זיך ניט געאיילט צו באנייען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן און עס האט אויסגעזעהן, אז עס וועט מוזען קומען צו א צוזאמענשטויס, און די יוניאן האט גענומען זיך גרייטען פאר דעם. מיטעל זיינען אנגענומען געווארען צו שטארקען די יוניאן, און די מיטגלידער האבען באשלאסען זיך צו טעקסען צו שאפען א פאנד צו שטארקען די יוניאן. דער טעקס ווערט איצט איינקאלעקטירט. די מיטגלידער ווייסען וואס דאס באדייטעט פאר זיי און זיי צאהלען גאנץ ווילינג. דער רעזולטאט איז, דאס די יוניאן ווערט דארט שטארקער און קרעפטיגער פון טאג צו טאג.

ספעציעלער דיוס־דעפארטמענט געעפענט אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג

דעם מאנטאג פריה האט די יוניאן געעפענט א ספעציעלען דיוס דעפארטמענט, אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טען גאס.

דער דיוס דעפארטמענט ווערט געעפענט פאר דער באקוועמליכקייט פון די מיטגלידער פון אלע דזשאינט באארד לאקאלס. מיטגלידער פון אלע דזשאינט באארד לאקאלס וועלען קאנען צאהלען דיוס אין דעם דעפארטמענט און זיי וועלען פארשפארען געהן אין אפיס פון זייער לאקאל. דער נייער דיוס דעפארטמענט געפינט זיך אויפ'ן ערשטען פלאר פון דער אינטערנעשאנאל בילדינג.

די שאפ־טשערלייט פון די קלאוק און דרעס שעפער, אזוי גוט ווי די איינצעלנע מיטגלידער, זיינען געבעטען צו נעמען עס אין אכט. די שאפ־טשערלייט קאנען ברענגען אהין די ביכלאך פון די ארבייטער אין זייער שאפ מיט די דיוס, און זיי וועלען באקומען די אינטערנעשאנאל דיוס סטעמפס. זיי וועלען נישט דארפען לאנג ווארטען, ווייל אין דעם דיוס דעפארטמענט זיינען דא גענוג קלויקס צו אטענדען צו דער ארבייט.

דאס זעלבינע באציהט זיך אויך אויף

(שלוס אויף זייט 2)

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 10.

זייט 2. דער אגרימענט אין דער דרעס אינדוסטריע. שלוסען פון זייט 1.
זייט 3. יוניאן־פראבלעמען אויפ'ן טאג־ארדנונג פון לאקאל 2 עקזעקוטיוו באארד — פיליפ קורינסקי. וויכטיגע פאסירונגען אין דער עקזאמינערס יוניאן, לאקאל 82 — ל. ראזענבלאט.
זייט 4. טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען.
זייט 5. קינדער (ערצעהלונג) — תלוש. ווער איז שולדיג פאר'ן סקעביזם אין די שעפער? — מ. י. אשפיז. זי לאזט ניט דיכטען — אב. ברייען.
זייט 6. עדיטאריאלס.
זייט 7. טרייד־יוניאניזם און שאפ־קאמיטעס — דר. הערמאן פראנק. אפשר (געדיכט) — חיים קריל.
זייט 8. דזשאהן מיטשעל — ה. לאנג. אן ערקלעהרונג — דזש. ברעסלאו.
זייט 9. צום אנדענק פון געארג בראנדעס. ענטפערס פון רעדאקציע.
זייט 10 און 11. שלוסען און אדווערטייזמענטס.
זייט 12. צו די שאפ טשערלייט פון די קלאוק און דרעס שעפער — דר. הענרי מאסקאוויטש. יוניאן נייעס.

קלאוק־ און דרעסמאכער באשליסען צו געבען א טאג ארבייט צו שטארקען יוניאן

צו שאפען א פאנד פאר דער יוניאן, אום זי זאל קאנען מיט מעהר ערפאלג אנגעהן מיט דער ארבייט צוריק צו באפעסטיגען די יוניאן, איז איצט אויף דער טאג־ארדנונג פון די ארבייטער פון די גרעסטע שעפער אין דער קלאוק־ און דרעס־אינדוסטריע. די ארבייטער פון די רעדזשיסטרירטע שעפער ווייסען גוט אין וואס פאר א טרויעריגער לאגע די קאמוניסטען האבען אריינגעפיהרט די יוניאן, און זיי זיינען אנטשלאסען איהר פון דער דאזיגער לאגע ארויסצושלעפען.

אמבעסטען קאן דאס געטאן ווערען, ווען די ארבייטער וועלען צאהלען רעגעלמעסיג זייער דיוס אין דער יוניאן און א חוץ דעם, געבען פאר דער יוניאן אן עקסטרא טאג ארבייט. דאס וועט געבען דער יוניאן א געלעגענהייט אנצוגעהן רעגעלמעסיג מיט איהר ארבייט און אויפפאסען, אז די יוניאן־סטאנדארדס אין די שעפער זאלען ווי געהעריג אפגעהיט ווערען.

די קלאוק־ און דרעסמאכער האבען שוין ניט איינמאל פריהער געשאפען א פאנד פאר דער יוניאן, דורך זייער איבערגעגעבענהייט און פרייוויליגער ארבייט, און די זיינען גרייט עס צו טאן אויך איצטער.

אט די פראגע איז שוין אויפגענומען געווארען אויף איינגע שאפ־מיטינגען פון די גרויסע קלאוק־ און דרעס־שעפער; און דער באשלוס איז צו ארבייטען א טאג, אין מאנכע א האלבען טאג — צו שטארקען די יוניאן. און וואס א טאג שפעטער ווערט די פראגע אויפגענומען ביי אלץ מעהר און מעהר שאפ־מיטינגען. און דער באשלוס וועט זיכער זיין דער זעלבער — צו העלפען דער יוניאן זיך ווידער איינצופונדעווען אזוי ווי עס איז געווען פריהער, איידער די קאמוניסטישע פארפיה־

(שלוס אויף זייט 2)

ווהייט גודס ארבייטער נעהמען אן סעטעלמענט און פארמיידען א סטרייק

די ווייט גודס ארבייטער פון אונזער לאקאל 62, האבען דינסטאג אווענט אפגעהאלטען א זעהר ענטוזיאסטישען מעמבער־מיטינג, אין בעטהאווען האל. דער גרויסער האל איז געווען איבערפולט מיט מיטגלידער פון דעם לאקאל און די גרויסע מאסע אנוועזענדע מיטגלידער האבען איינשטימיג אנגענומען דעם סעטעלמענט מיט דער מאנופעקטשורערס אסס'ן, און אזוי נאך פארמידען א סטרייק.

לויט דעם סעטעלמענט געווינען די ארבייטער א 42 שטונדיגע ארבייטס־וואך.

די יוניאן האט געפאדערט א 40־שטונדיגע ארבייטס־וואך און די באסעס האבען א צייט קיין זאך ניט געוואלט נאכגעבען. לויט'ן סעטעלמענט וועט די יוניאן קענען נאכאמאל ארויסשטעלען די פאדערונגען וועגען 40 שטונדען ארבייטס־וואך און אויך וועגען א העכערונג אין וויידזשעס ווען נאר זי וועט וועלען, און וועט געבען די באלעבאטים 30 טעג נאטיס.

דער מיטינג האט מיט ענטוזיאזם אנגענומען דעם סעטעלמענט. עס איז געווען אן אויסערגעוועהנליך גרויסער מיטינג. דער גרויסער בעטהאווען האל איז געווען פארנומען ביז'ן לעצטען ווינקעל. דער מיטינג איז פארגעזעסען געווארען פון מענעדזשער אב. סניידער, וויס־פרעזידענט האכמאן און עקסי לייל. מערי גאף איז געווען די טשערליידי פון מיטינג.

דער 25 יאהריגער יובילעי פון לאקאל 10 דערנעהענטערט זיך

היינטיגע וואך איז די לעצטע זיך איינצושאפען טיקעטס פאר'ן באנקעט.

דער 25 יאהריגער יובילעי פון אונזער קאטערס יוניאן, לאקאל 10, וועט געפייערט ווערען שבת און זונטאג דעם 26טען און 27טען מערץ, אין דעם שעהנעם מעקא טעמפעל, אויף דער 56טער גאס.

שבת נאך מיטאג, וועט דארט זיין א זעהר רייכער קאנצערט און מאסען־פארזאמלונג. אין קאנצערט וועלען זיך באטייליגען די וועלט בארימטע קינסטלער, איזא קרעמער און משה זיידעל. די רעדנער וועלען זיין: וויליאם גרין, פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר; אב. קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס". פרעזידענט מאריס זיגמאן פון אונזער אינטערנעשאנאל און גענאסע מאריס הילקוויט.

דער באנקעט וועט פארקומען מאקע אין מעקא טעמפעל, זונטאג, דעם 27טען מערץ. עס וועט זיך אנפאנגען 5.30 פארנאכט. אויף דעם באנקעט וועלען אנוועזענד זיין 12 הונדערט פערזאן. היינטיגע וואך איז די לעצטע זיך איינצושאפען טיקעטס פאר'ן באנקעט. די טיקעטס צום באנקעט דארף מען קויפען, די טיקעטס צום קאנצערט זיינען פריי. די מיטגלידער פון לאקאל 10 קאנען באקומען די טיקעטס אין אפיס פון לאקאל 10.

צום באנקעט האבען די קאטערס ארגאניזירט אן איינגענעם כאר. א כאר פון קאטערס וואס וועט זינגען לידער וואס זיינען ספעציעל פארפאסט געווארען אויף פון קאטערס. עס וועט זיין לוסטיג, לעבעדיג און פרעהליך.

אין דער סעמפל מאכער יוניאן, לאקאל 3

דער לעצטער לאקאל מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען שבת דעם 19טען פעברואר, איז געווען אן אמת'ער ערפאלג. אבוואהל עס איז געווען שבת, און אונזערע מיטגלידער ארבייטען ניט דעם טאג איז דער לאקאל מיטינג געווען א גוט־באזוכטער. די ערשטע פראגע, וועלכע דער לאקאל מיטינג האט אויפגענומען צו דיסקוטירען, איז געווען, ווי אזוי צו מאכען אונזערע לאקאל מיטינגען גוט באזוכטע. געוועהנליך איז אויך אין דער דיסקוסיע אריינגענומען געווארען דער טאג, ווען מיר זאלען אפהאלטען אונזערע לאקאל מיטינגען. די פראגע איז געשטעלט געווארען שבת אדער אין מיטען וואך. פארשידענע מיינונגען זיינען אין דער פראגע אויסגעדריקט געווארען. נאך א גענויער שטודיע פון ערנסטע באטראכטונגען ווי אמבעסטען אונזערע לאקאלע מיטינגען צו מאכען גוט באזוכט און אינטערעסאנט ווי אויך ארגאניזירען די צייט פון די מיטינגען פאר דער באקוועמליכקייט פאר אונזערע מיטגלידער, איז באשלאסען געווארען די פראגע איבערצולאזען צו דער עקזעקוטיוו באארד פאר א לעצטען באשלוס.

געוועהנליך וועט די עקזעקוטיוו באארד האבען אין זינען די ארויסגעבראכטע מיינונגען פון די מיטגלידער פון דעם לעצטען לאקאל מיטינג אין דער דאזיגער פראגע און האנדלען אין אנקלאנג מיט זייערע באגריפען צום וואהל און באסטען פון אונזער לאקאל. אויך וועט די עקז. באארד באטראכטען דעם טאג ווען אונזערע מיטינגען זאלען אפגעהאלטען ווערען.

נאך דעם ווי דער מענעדזשער, בר. רובין, האט אפגעגעבען זיין אפיס רעפארט אנציינענדיג דעם פולען סוקסעס, וואס אונזער לאקאל האט געמאכט אין דעם פאקט פון רעדזשיסטרירען אונזערע מיטגלידער פאר אונזער לאקאל, און אויך אנרירענדיג פילע אנדערע פראגען פון גוויכטיקייט פאר אונזערע מיטגלידער און אונזער לאקאל איז מען איבערגעגאנגען צו די ערשטע נאמינייישאן פאר מענעדזשער, סעקרעטער און עקזעקוטיוו באארד דעלעגאטען. מיר קאנען מיט ווירקליכען שטאלץ זאגען, דאס אויב אונזערע מיטגלידער האבען ווען עס איז אין דעם לעבען פון אונזער לאקאל נאמינירט גוטע מענשען פאר אמטען, מענשען צו פארנעהמען פאראנטווארטליכע פאזיציעס אין אונזער לאקאל, האבען זיי עס איצט אויף א העכסט אינטעליגענטען אופן געטאן. עס ווייזט אויס דאס ערפאהרונג איז דאך דער בעסטער מיטעל צו לערנען מענשען. עס זיינען איצט נאמינירט געווארען די טעטיגסטע און איבערגעגעבענסטע טוער וואס אונזער לאקאל פארמאגט. מענשען אויף וועלכע מען קאן פארלאזען דעם שיקזאל פון אונזער יוניאן, מענשען וואס ווייסען וואס דעם לאקאל פעהלט. נאמינירט זיינען געווארען א גרויסע צאהל, גרעסער ווי אין אלע אנדערע נאמינייישאנס. א צייכען און א גוטער אנזאג פון א נייעם לעבען און מעהר טעטיגקייט אין אונזער לאקאל. מיר האבען האפענונג, דאס מענשען וואס ווילען עפעס טאן פאר דעם לאקאל, געפינען זיך אלע מאל פלאץ, אויב ניט אפיציעל אין דער עקזעקוטיווע, א. ביי די לאקאלע מיטינגען, אין די שעפער און אויף פארשידענע אנדערע געביטען פאר דעם גוטען פון אונזער לאקאל.

מיט דעם אבער זיינען די נאמינייישאנס נאך ניט געענדיגט. די צווייטע און לעצטע נאמינייישאן וועט נאך אפגעהאלטען ווערען שבת, דעם 5טען מארטש, אין אונזער אפיס, 231 איסט 14טע סטריט פונקט 2 אזייגער. ביי דער צווייטער און לעצטער נאמינייישאן וועט יעדער נאמינירטער קאנדידאט דארפען ענטפערען צי ער נעמט אן די נאמינייישאן אדער ניט. די וועלכע וועלען אננעהמען די נאמינייישאן וועלען דארפען פארקומען פאר די אבדזשעקשאן און עלעקשאן קאמיטע, און אויב עס זיינען ניטא קיין אבדזשעקשאנס געגען זיי וועלען זייערע נעמען זיין אויף דעם עלעקשאן באלאט.

די אבדזשעקשאן און עלעקשאן קאמיטע וועט מיטען מאנטאג, דעם 7טען מארטש, באלד נאך דער ארבייט, אויך אין אונזער אפיס, 132 איסט 14טע גאס. עלעקשאן וועט פארקומען דאנערשטאג דעם 17טען מארטש, אין ברייענט האל, 725 זעקסטע עוועניו.

וואס מיר ווילען זאגען איז נאך א פאר ווערטער צו די נאמינירטע קאנדידאטען. בעפאר איהר קומט צום נעקסטען מיטינג, וואו איהר וועט דארפען זאגען אייער יא אדער ניין אויף דער פראגע צו איהר נעמט אן די נאמינייישאן, באטראכט גוט אייער ענטפער. מיר ווילען האבען מענשען וואס זאלען זיך פולשטענדיג אפגעבען מיט דער ארבייט פון אונזער לאקאל. פיל ארבייט איז דא צו טאן אום דעם לאקאל צוריקצוברענגען אויף דעם זעלבען שטאנד וואס ער איז געווען פריי־

הער. פילעס איז צושטערט געווארען, וואס מיר וועלען דארפען פארריכטען. וואס מעהר טעטיגקייט, אלץ מעהר לעבען און אויפטהו פאר דעם לאקאל און אונזערע מיטגלידער.

ווי מיר האבען ערווארטעט, איז דער איצטיגער סיזאן א שפעטער. די ארבייט אין די שעפער האט זיך ערשט אנגעפאנגען. ביז מיט א צוויי אדער דריי וואכען צוריק איז ניט געווען קיין צייכען וואס מען זאל קענען אנרופען א סיזאן ביי קלאוקס. אין פילע שעפער האט מען געארבייט „פארט טיים" און פון ארויסנעמען נייע ארבייטער איז שוין געווען אפגערעדט. איצט ווען דער סיזאן האט זיך שוין אנגעפאנגען און די אלטע ארבייטער וואס האלטען אן די שעפער פון פריהער, ארבייטען שוין פולע וואכען און אין מאנכע פלעצער ארבייט מען שוין אויך אווערטיים און מען פאנגט אן ארויפצונעמען נייע ארבייטער, איז דאס ערשטע וויל איך זאגען צו די טשערלייט אין די שעפער — פון אונזערע ספעציעלע שניי־דער שעפער, צו זעהן דאס ווען א נייער ארבייטער קומט ארויף, זאל ער האבען א „ווארקינג קארד" פון זיין לאקאל יוניאן, און דאס צווייטע, דארפט איהר, טשערלייט, אכטונג געבען אויב די נייע אנגענומענע ארבייטער קריגען דעם „סקייל אף ווייזשעס" — 48 דאלאר א וואך. איהר מוזט פארשטעהן אז עס איז זעהר וויכטיג אז די נייע ארבייטער זאלען באקומען דעם פולען סקייל. מיר ווייסען, דאס מאנכע פון אונזערע מאנופעקטשורערס ווענדען אן פארשידענע מיטלען אום ניט צו באצאהלען די ניי ארויפגענומענע דעם סקייל. מיר ווייסען אויך שעפער וואו די זעלבע מאנופעקטשורערס האבען אויך די אלטע ארבייטער ניט געוואלט באצאהלען דעם נייעם סקייל, אבער די וועלכע האבען געמאכט זייערע קאמפליינטס צו אונזער אפיס, האבען נאכדעם זייערע פולע סקייל באקומען. מיר ווילען דארום דאס איהר טשערלייט זאלט שטרענג אכטונג געבען אויף דעם און אפשלאגען די אלע מיטלען וועלכע אייער באס ווענדעט אן אום ניט צו באצאהלען דעם באטרעפענדען ארבייטער דעם ריכטיגען סקייל.

מיר ווילען אויך דאס איהר, טשערלייט זאלט שטרענג אפהיטען דאס קיין אווערטיים זאל ניט געארבייט ווערען, ווען אלע מאשינען זיינען נאך ניט פארנומען. דאס איז געגען די רולס פון אונזער יוניאן און זיכער געגען די אינטערעסען פאר די וואס ווארטען פאר ארבייט פאר וואכען לאנג. מעהר פון אלעס ווילען מיר פון אייך, טשערלייט, דאס איהר זאלט קומען אין אונזער אפיס און זיך בעראטען איבער אלעס וואס עס קומט פאר ביי אייך אין שאפ. עס וועט אייך פיל העלפען אין אייער ארבייט אום אויסצוגלייכען אלע צוויסטיגקייטען צווישען די ארבייטער און אייער באס. קומט און מאכט אלע אייערע „קאמפליינטס" אין אונזער אפיס.

מיר ווילען אייך אויך אויפמערקזאם מאכען צו זעהן דאס די שניידער פון אייער שאפ זאלען זיין גוטשטעהענד אין זייער יוניאן־לאקאל. איהר דארפט זעהן דאס די וואס האבען ניט באצאהלט קיין דיוס, זאלען עס איצט באצאהלען. עס דארף אויך זיין אייער פליכט אזוי גוט ווי דער פליכט פון יעדען מיטגליד פון אונזער לאקאל, צו העלפען איינער דעם אנדערען (אויב ער קאן ניט געהן אין אפיס) מיטנעמען זיינע געלד און פאר איהם באצאהלען זיינע דיוס. איבערהויפט דארף דאס זיין די ארבייט פון דעם שאפ טשערמאן.

מיט דעם וואס אין טרייד איז אפגעשאפען געווארען דאס ארבייטען שבת, און שבת איז געווען דער טאג ווען אלע פלעגען קומען אין אפיס צאהלען זייערע דיוס, איז די לאגע איצט אן אנדערע. פילע פון די מיטגלידער קומען ניט ביינאכט פון דער ארבייט צאהלען דיוס, דערפאר איז מיט דעם נאך א פליכט ארויפגעלעגט געווארען אויפ'ן שאפ טשערמאן, און איר, ברודער טשערמאן וועט דארפען זעהן און טאן דאס בעסטע אום די מיטגלידער און אין דער זעלבער צייט דעם לאקאל ארויסהעלפען. לאמיר האפען דאס איהר וועט דאס טאן.

ד. רובין, סעקרעטאר.

פאראייניגטע טרייד יוניאניסטען פון קוני איילענד און אומגעגענד

א רעגולאר מיטינג פון די פאראייניגטע טרייד יוניאן גרופע וועט אפגעהאלטען ווערען פרייטאג 8.30 אוהר אבענד, מארטש דעם 4טען, 1927, אין די קלאב רומס, 2518 מערימייד עוו., קוני איילאנד. אלע מעמבערס, ווי אויך טרייד יוניאניסטען, זיינען איינגעלאדען צו דיזען מיטינג. זעהר וויכטיגעס צו פארהאנדלען. א באריכט פון דער קאמיטע, וועלכע איז עלעקטעט געווארען ביים לעצטען מיטינג, וועט אפגעגעבען ווערען.

פארגעסט ניט די וועטשערינקע, וועלכע וועט זיין שבת אווענט, דעם 5טען מארטש אין די קלאב רומס. איהר וועט זיכער פארברייניגען אן אבענד אין פארגעניגען. גוטע קרעפטע זיינען אנגאזשירט געווארען. רעפרעשמענטס וועלען סערווירט זיין. אלעס פאר א קליינעם פרייז. א טיקעט — 50 סענט. קומט אליין און ברייגנט מיט זיך אייער פאמיליע און פריינד.

מאריס מייערס, סעק.

אן אונץ טהאטען איז ווערט א פונט רייד

איהר מעגט דערפאר וויסען, אז מיר אליין סמוקען מיוראדס. זיי גיבען אונז אריין לעבען און ערפרישען אונז און דאן זעצען מיר זיך אוועק און שרייבען אייך אויס אלע מעלות פון מיוראד.

דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22

א. ל. ג. וו. י., אויפמערקזאם!

די פאלגענדע מעמבערס זיינען נאמינירט געווארען אלס קאנדידאטען פאר באאמטע פון אונזער לאקאל פאר'ן קומענדען טערמין.

פאר סעקרעטאר פון לאקאל:

בלוסטיין, מ. — פרידמאן, מארי — האכמאן, דזשוליוס — ספיעלמאן, דזש. — שניידער, דזש.

פאר עקזעקוטיוו באארד דעלעגאטען:

אוידעלסאן, סילוויא	פאקס, הייזמאן	קאפלאוויטץ, ראוז	ראדינאפסקי, ראוז
באלאן, מאררים	פארבער, ס.	לייבאוויטץ, דזשייק	ראזען, מאררים
ברוקס, ראוז	פליישער, ב.	לעווין, מאקס	ראזען, מייער
בראונער, דזשאע	דזשאפין, דזש.	לעווין, ה.	שעינבער
בעקער, דייוו	גרינבערג, וו.	לופטיג, עמיעל	שאפירא, לואיס
בלענק, וו.	גאלדשטיין, דזשייק	לייבאוויטץ, דזשוליו	סטאום, מאקס
בענענסאן, סעם	גארין, י.	מיקעלס, הערמאן	ספילמאן, בענדזש.
בושקין, י.	גרעינדינגער, ראוז	מאקלעס, מייער	שאפירא, דזש.
בארון, לואיס	גודמאן, לואיס	מארבערגאט	שאפירא, בענ.
בראונסטיין, בענדזש.	האסט, מאררים	מארגאליס, ג.	שאפירא, פעני
משאפ, י.	האראוויטץ, מאררים	שנאדלער, הערי	שניידער, דזש.
קאנטאר, אלעקס	האלפער, י.	נאדעלמאן, מ.	סילווער, סאל.
קאהען, ס.	הימעלפארב, מאררי	נעלסאן, סיידי	שאנטצים, דייוו
קאנאל, איזיק	האפט, ג.	פעקעראר, מ.	ספעקטאר, א.
קאסלער, סעם	הודים, לואיס	זאוזער, מ.	סשלאראף, הערי
קאהען, מאקס	דזשערימצקי, גאסי	פאלעי, לואיס	סימאן, קלארא
קאשנער, עמא	קושנער, מאקס	פערלסטיין, פה.	סולינסקי
קאהען י.	קליין, איירא	פינסקי, סעם.	טעלענסקי, ראוז
באלאדני, לינא	קורלאנד, מ.	פיקעלני, סעם	טאובער, סעם
קופער, דזש.	קאמער, אנעט	ראווינסקי	וואלינסקי, ב.
דויטש, אבראהאם	קאסט, ב.	ריסטנער, א.	ווייסגלעס, הערי
דינערשטיין, פה.	קימעל, יעטא	ראזען, דזשעק	ווילקי, לינא
דאשאוו, בעל	קרעוטער, אייב	רודינסקי, דזשעק	ווייסבערג, דזשיני
דאשקאף, איבראהאם	קאמין, משאס.	ראזענפעלד, י.	ווייס, י.
עלניק, איי.	קראקאוויטץ, בעני	רייטשעל, ר.	ציטקין, מ.
עסקין, סעם	קאפלאן, שרה	ראטה, ת.	צאטלער, דזש.
פרידמאן, לואיס		רובין, איידא	צוייטזינגער, מאררים

די עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע באשטעהט פון:

ראבינאוו, דזש. — מירסקי, ראוז, ב. — שער, גאלדי — דייטשמאן, דזש. — מייערס, מאררים

די יעניגע וואס האבען צו מאכען אבדזשעקשאנס געגען אירגענד וועלכען קאנדידאט זיינען געבעטען עס צו מעלדען דער עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע אין אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 22

דזש. ספילמאן, עקטינג סעקרעטער.

קלאוק און דרעס פרעסערס יוניאן

לאקאל 35 א. ל. ג. וו. י., אויפמערקזאם!

די פאלגענדע מעמבערס זיינען נאמינירט געווארען אלס קאנדידאטען פאר באאמטע פון אונזער לאקאל פאר'ן קומענדען טערמין.

פאר מענעדזשער פון לאקאל:

ז. וואסילעווסקי.

פאר טשערמאן פון לאקאל:

ב. יעלין — ר. בערגמאן — מאקס קאהען

פאר דער רעליף קאמיטע:

אייב ליפשיטץ — איירא קעסלער

פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס:

מ. קאטץ	מאקס בלאט	אייב זאסלאו	מש. קווין
אברהם ווייסמאן	א. רודין	מאקס גלאזער	מאקס לייבאוויטץ
מאררים גאלדאווסקי	ס. ראלניק	סעם סטיין	ב. ווייצער
סיימאן פארבער	ישראל דווארעטסקי	ת. סטראוס	ת. בעלקין
ל. ריעף	פראנק אנטמאן	י. זיידמאן	א. עסקאוויטץ
מאקס שעכטער	סעם פעפער	ת. דייוויס	הייזמאן לערנער
ת. שלאקמאן	ד. באראן	מ. פטמראנץ	ב. באקסער
סיימאן דעימש	ה. קאמעלהאר	ס. זיגמאן	דזש. פאכטראוויטץ
סעם רובין	דזש. אייזלער	ב. פרידמאן	מ. גאמבערג
ת. דארפמאן	ס. אייזענבערג	ת. פרידמאן	דזש. קרעמער

די פאלגענדע זיינען ערוועהלט געווארען אין דער עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע:

הערי פרעס — מאריס מראיזער — ב. מארגאלין — דזש. נאבבעי

די יעניגע וואס האבען צו מאכען אבדזשעקשאנס געגען אירגענד וועלכען פון די נאמינירטע קאנדידאטען, זאלען עס פארברענגען פאר דער עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע, אין אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע גאס.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 35

י. וואסילעווסקי, עקטינג מענעדזשער.

גליקשטיין'ס דרעזינג סקול

265 גרענד סטריט, ניו יארק



בעט. קריסטי און פארסייט סטס. טעל. ארטשארד 8842

סקול פאר דרעזיינינג, קאטינג און [illegible] אין אלע מאכען פון ליידיס, מיסעס, טשילדרענס און מער גארמענטס. [illegible] צו מעסיגע פרייזען.

די סקול איז אפען א גאנץ יאהר.